בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

סעודה שלישית פרשת

## זכור תש"ב

[בליל פורים שחל במוצאי שבת]

**עיונים וביאורים באופני קיום מצות זָכוֹר**

• אי יש חיוב בזמן הזה להרוג זרע עמלק • כיצד יהא נוהג לעתיד מצות "זָכוֹר" לאחר מחיית זכר עמלק • החילוק שבין זכירת מעשה עמלק לשאר זכירות • יכולת קיום כמה מ"ע דאורייתא גם באופן שאין חייב בדבר • זהירות בכבוד הצדיקים • דרך הצדיקים הוא בקדושה ועונג • חילוקי תכונת הטבעיים של בני אדם • מצות השש זכירות הוא להזכירם בפה • החיוב של זכירת מעשה מרים, להזהר מדיבורי לשון הרע • בכל פעם שקורין ענין עמלק בתורה מקיימין מצות זָכוֹר מדאורייתא •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ט לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע"י

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040

**קונטרס 95**

---

**לשמיעת הדברות קודש:**

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע +972-72-3333419)

צו הערן די תורה **ס"ג זכור תש"כ**

דרוקט: **#→820→6→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(21 מינוט) **אביסל קלאָר**

★★☆☆☆

---

## • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

לע"נ הרבני החסיד זהיר במצות וירא שמים מרבים, משמח אלקים ואנשים

הרה"ח רבי **שלום יחזקאל** ב"ר יהושע ע"ה **שווארטץ**

דבק ברביה"ק זי"ע בכל נימי נפשו ועסק בתורתו בקביעות

וזכה לעשות רצון קדשו ולעמוד לימינו בהתייסדות הקהלה והמוסדות בעיר מאנטריאל יצ"ו

נפטר י' אדר ב' תשס"ח לפ"ק

•

לע"נ הרבני החסיד ירא שמים, בעל מדות טובות וישרות, ועסק בשיעורי תורה בקביעות נפלא

הרה"ח רבי **חיים צבי** ב"ר עזריאל יחיאל ע"ה **לאווי**

היה דבוק ברביה"ק זי"ע בכל נפשו ומאודו, וכשלשים שנה הלך לקבץ תרומות בני ישראל בעד מוסדותיו במאנטריאל

והיה רגיל בתורת רבינו, בשמיעת קולו על הרעקארדינגם בכל עת ועונה, ובלימוד ספריו הקדושים

נפטר ט"ו אדר ב' (שושן פורים) תשע"א לפ"ק

•

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת זכור

א

בפרקי דרבי אליעזר הקשה על זכירת שבת וזכירת מעשה עמלק "כיצד יתקיימו שניהם", ומתרץ דאין הזכירות דומים זה לזה

ס'שטייט אין **פרקי דרבי אליעזר** (פרק מד): **כתוב אחד אומר** (תצא כה, יז) **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, וכתוב אחד אומר** (יתרו כ, ז) **זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, כיצד יתקיימו שניהם, אלא אינו דומה** [כוס של קונדיטון לכוס של חומץ], **זה כוס וזה כוס, אינו דומה, זה זָכְרֵהוּ לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְגוֹ וזה זָכְרֵהוּ לְהוֹמְמוֹ**[א] **וּלְאַבְּדוֹ.**

ב

קושיא א

יש להבין הקושיא "כיצד יתקיימו שניהם", וכי איזה סתירה יש ביניהם

א) לכאורה איז דאָך אַ פלא, וואָס פרעגט ער עפּעס "כיצד יתקיימו שניהם". פאַרוואָס קענען זיי נישט זיין ביידע אויפאַמאָל [וכי איזה סתירה יש ביניהם].

ג

קושיא ב

וכן יש להבין התירוץ, דמה נתחדש לו בזה לתרץ קושייתו

ב) און וואָס איז דער תירוץ. אַוודאי ווייסט מען אַז 'דעס' [זכירת שבת קודש] איז זכרהו לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְגוֹ, און 'דעס' איז דער היפוך [לְהוֹמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ, וגם 'המקשן' ידע זאת, ומה משמיענו 'התרצן' בזה].

ד

# חקירות ועיונים בקיום מצות זכור

## אם יהא נוהג המצוה גם לעתיד לאחר שֶׁיִּמָּחֶה זכרו (עד אות כח)

בפשטות הרי תכלית מצות "זכור" הוא לזכור את מעשיו בכדי למחותו

לאָמיר זען [להבין] די מצוה פון "זכור", זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק וגו'.

לאָמיר זען, וואָס איז געוועזן [תכלית המצוה של] זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק. [הלא בפשטות הוא אַז] מ'דאַרף מוחה זיין [זִכְרוֹ, כדמסיים הכתוב במצות] תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, ס'זאָל נישט בלייבן פון אים קיין זֵכֶר.

ממילא די מצוה [של 'זכירת' עמלק] איז דאָך [כדי] לְהוֹמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ, אַזוי ווי ער זאָגט דאָ [בפרקי דרבי אליעזר] זֶה 'זָכְרֵהוּ' לְהוֹמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ, [און אַזוי ווי] ס'שטייט [בסיום הפרשה] וְהָיָה בְּהָנִיחַ וגו' תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק.

ה

קושיא ג - הסתירה בין מצות "זכירה" למצות "מחיית זכרו"

קושית הישמח משה: הלא כל המצות נוהגים גם לעתיד, וכשיקיימו אז מצות "זכור" להודות על שנמחה זכרו,
אם כן איך יתקיים מצות "מחיית זכרו", והלא על ידי זה סוף סוף זוכרין הימנו

לעולם איז דאָך דער 'תכלית פון די מצוה' [של "זכירה", כדלעיל], אַזוי ווי דער מדרש [הנזכר] זאָגט, 'אויף לְהוֹמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ'.

פרעגן זיי דאָך אַ שאלה: ווען ס'וועט שוין זיין לְהוֹמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ, ס'וועט [שוין] נישט זיין קיין זֵכֶר, צי וועט דער מצות "זָכוֹר" בטל ווערן?.

די מצות [התורה] איז דאָך אַ נצחיות, [ואם כן] וואָס וועט זיין דעמאָלטס, וויאַזוי וועט מען קענען מקיים זיין די מצוה.

---

[א] הוא מלשון **בלבול ומהומה** [הקודמת להשמדה וכליון], כמו וַיָּהָם אֵת מַחֲנֵה מִצְרָיִם (בשלח יד, כד).

KolSatmar.com

**ווי דער ישמח משה פרעגט**[ב], ס׳איז דאָך המצוה [דזָכוֹר] ״כנגד״ [המצוה דתִּמְחֶה אֶת זֵכֶר, ווייל] דעס אַז מ׳געדענקט אים [לקיים מצות ״זכור״], איז דאָך אויך שוין אַ ״זֵכֶר״ [ואיך יתקיים ״תִּמְחֶה״ אֶת ״זֵכֶר״ עֲמָלֵק][ג].

## ו

דעת רבינו בחיי: דבאמת לעתיד כשישכח זכרם לגמרי, לא שייך עוד מצות זכור

ער דער **רבינו בחיי** זאָגט [דלעתיד תשתכח זכרם לגמרי, וכדלהלן].

[כי] ׳אַזוי סתם׳ זעט מען נישט [מבואר בכתוב על מצות ״זָכוֹר״] אַז ס׳איז נצחי.

לויט ווי דער ישמח משה זאָגט אָבער, קומט אויס ׳די׳ מצוה איז [אויך] אַ נצחיות, אפילו לימות המשיח[ד].

נאָר דער **רבינו בחיי** זאָגט דאָך[ה] אַז ס׳מוז נישט זיין, און ס׳וועט בטל ווערן די מצוה, זאָגט ער אַרויס גאָר בפירוש.

## ז

בתרגום יונתן מבואר: שהמצוה נוהג אפילו לימות המשיח

נאָר אין **תרגום יונתן** זאָגט ער [כסברת הישמח משה, שמתרגם בפסוק] תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק [וגו׳ לֹא תִּשְׁכָּח], **וְלָא תִתְנְשֵׁי אֲפִילוּ בְּיוֹמֵי דְמַלְכָּא מְשִׁיחָא**, ער זאָגט אַרויס בפירוש אֲפִילוּ בְּיוֹמֵי דְמַלְכָּא מְשִׁיחָא.

[ואם כן עכ״פ צריך להבין (קושיא ג) איך יתורץ קושית הישמח משה, דענין מצות ״זכירה״ הוא לכאורה סתירה לענין מצות ״מחיית זכרו״].

---

[ב] **בישמח משה** (סוף כי תצא, ד״ה עוד יתבאר זכור): קשה לי, הלא ציוה יתברך שמו **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק**, והוא אחד מתרי״ג מצות כנודע, ואחד מי״ג עקרים הוא ששום מצוה לא יִבָּטֵל לעולם. - והנה היה נראה לי, אף אחר שימחה זרעו, מכל מקום מצוה עלינו לזכור מה שעשה לנו עמלק, כדי להודות ולהלל לשמו ית״ש על שהצילנו מהם ועשה בו נקמה ומחה זרעו, ואם כן המצוה לא יִבָּטֵל לעולם, כמו הזכרת יציאת מצרים, כן היה נראה לי לומר. - אבל מאחר שנכתב בתורה הקדושה **תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק**, הרי משמע שימחה זרעו ולא יזכר ולא יפקד עוד, ואם כן הרי מצוה ״זכור״ כו׳ בָּטֵל, והרי קיימא לן דשום מצוה לא יִבָּטֵל, ובאמת קשה מאד כל זה, האיך מְצַוֶּה על שני הֲפָכִיִּים בנושא אחד, דְמְצַוֶּה **זָכוֹר** כו׳, וּמְצַוֶּה **שימחה זכרו ׳ולא יִזָּכֵר׳**.

[ועיי״ש מה שמתרץ וז״ל: דודאי עמלק עשה בשני בחינות רעות גדולות. א׳ מה שעשה לישראל בעניני עולם הזה שהוא הכל ״תַּחַת הַשָּׁמָיִם״, משל לאמבטי רותחת כו׳ (ילקוט רמז תתקלח), וחתך מילתן כו׳ (תנחומא תצא ט). ב׳ שעל ידו השם כו׳ איננו שלם והכסא איננו שלם (שם יא). והנה כעת שהגשמיות גובר, שענין אלקות מכוסה ונעלם והגשמיות מורגש, עיקר הכאב היינו מה שמרגישין וכו׳, רק לעתיד כי יעבור רוח הטומאה וכו׳, ויתמלא כבוד ה׳ את כל הארץ, אז לא ירגישו רק מה היה עיקר הכאב, ויתנו שבח והודיה שהסיר אותו הכאב.

והכי פירושא דהאי קרא, כעת **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ״לְךָ״ עֲמָלֵק**, לך דייקא, כי כעת באמת עיקר הזכירה היא רק זה. וה׳ אוהב אמת, **וְהָיָה בְּהָנִיחַ** וגו׳ **מִכָּל אֹיְבֶיךָ** שהוא הסטרא אחרא וגונדא דיליה, אז **תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק ״מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם״**, דהיינו שלא תזכור כלל הבחינה של תחת השמים, רק ״מעל השמים״ זכור תזכור. וחזר הפסוק לפרש את עצמו, שלא תטעה לומר דפירושו הוא שתמחה זרעו וכו׳ ויהיה שכוח מעיקרו כאילו לא היה מעולם בעולם, לזה אמר **לֹא תִּשְׁכָּח**, כי המצוה לא יתבטל, רק שלא תזכור הבחינה של ״תחת השמים״ רק של ״מעל השמים״, ועל זה תתן לעולם שבח והודיה למקום ב״ה וב״ש ויתמלא שמו וכסאו במהרה בימינו אמן]. - וקרוב לדרך זה מבאר רבינו להלן (אות כד) לחלק בין מתחת השמים למעל השמים, בבחינת אחרת לדרכינו.

[ג] וא״כ אינו מספיק לתרץ שיקיימו המצוה ע״י ״הזכירה״ מה שעשה לנו ולהודות ולהלל על שכבר נמחה אז, דאם כן סוף סוף לא נמחה ״זכרו״, כי עדיין זוכרין הימנו.

[ד] רק שאז יהיה הזכירה באופן אחר שיזכרו הענין שעשה בבחינת מעל השמים ולא הענין שמתחת השמים, כמובא לעיל בתירוץ הישמח משה.

[ה] **ברבינו בחיי** (תצא כה, יט): והפרשה הזו התחילה בזכרון וסיימה בשכחה, להורות שעתיד זכרם להשתכח מן העולם, וזה בזמן המשיח. ואע״פ שפשוטו של מקרא לפי התיבות שלא ישכח, בא הרמז בו לפי הטעמים שיבא זמן שישכח, ועל כן תמצא **טרחא** [הנקרא אצלינו ״טפחא״] במלת ״לֹ֖א״ [שהוא טעם המפסיק], ומלת ״תִּשְׁכָּֽח״ היא [בטעם] בפני עצמה, ויש דגש באות התי״ו [אף שהתיבה שלפניו מסתיימת באחד מאותיות יהו״א, יען שהוא מופסק מן תיבה הקודמת לו ע״י טעם הטפחא], כלומר הנה ימים באים שתשכח כשיאבד זכרם מן העולם.

KolSatmar.com

## ח

### [קושיא ד - להבין שיטת רבינו בחיי]

[גם יש להבין שיטת רבינו בחיי, שלא יסתור לזה דברי התרגום יונתן, וגם שלא יוקשה קושיית הישמח משה איך אפשר שמצוה תתבטל, והלא כל המצות נצחיים הם].

## ט

### הקדמה לישוב קושיא ד

עיקר קיום המצוה הוא דוקא לעתיד, כי בזמן הזה אינו ידוע לנו מי הם

לעולם די מצוה ״היינט״ [אם יש חיוב בזמן הזה להרוג זרע עמלק], **ער דער ישמח משה**[ו] **זאָגט, אפילו וואָס מ׳ווייסט ס׳איז עמלקים, מ׳ווייסט וואו** [זיי זענען], **דעסטוועגן ברויך מען נישט הַרגְ׳נען** [העמלקים בזמן הזה, שאי אפשר לנו לאבד ״כל״ זכרם של העמלקים].

## י

[אמנם] **לכאורה מיר דאַכט זיך** [שאין ידוע כהיום מי הוא זרע עמלק], **ס׳איז מיר אַ פלא** [דברי הישמח משה], **ער זאָגט ס׳איז דאָ עמלקים** [ידועים כהיום, ולכאורה] **ווי קען זיין, על פי הלכה איז דאָך נישט דאָ גאָרנישט,** [שהרי אמרו] (ידים ד, ד, וברכות כח.) **בא סנחריב ובלבל את כל העולם כולו, מ׳ווייסט נישט ווער ס׳איז זרע עמלק, לכאורה בזמן הזה איז נישטאָ ווער ס׳ווייסט,** [אַזוי] **זעט דאָך אויס** [בהפוסקים] (עי׳ רמב״ם איסו״ב יב, כה. מלכים ה, ד).

[ואם כן] **אין אמת׳ן אַריין זעט דאָך אויס ס׳איז נישטאָ** [מי שמכיר בהם], **נאָר וואָס דען קַמֵּי שְׁמַיָא גַלְיָא** [מי הם זרע עמלק כהיום, און] **לימות המשיח לעתיד וועט אַלעס נתגלה ווערן** [גם לנו], **מ׳וועט וויסן** [מי הם, ואז ימחו כל זכרם].

[והוא כעין] **ווי דער רמב״ם זאָגט דאָך**[ז] (הל׳ מלכים פרק יב) [לענין יחוס משפחות], **דער מלך המשיח וועט מברר זיין ווער ס׳איז אַ כהן און ווער נישט. ברוח קדשו וועט ער דאָס מברר זיין, ער וועט מגלה זיין די יחוס.** [וכמו כן יתגלה אז איזה גוים הם מזרע עמלק].

---

[ו] **בישמח משה** (סוף כי תצא, ד״ה זכור)**: בספר החינוך** (בפרשה זו מצוה תר״ד במצות למחות זרעו של עמלק) **כתיב וז״ל, וזאת מן המצוה המוטלת על הצבור וכו׳ ובאמת כי גם על כל יחיד וכו׳ ובא לידו אחד מזרע עמלק וכו׳** [עכ״ל החינוך]. **והנה בהגהת המשנה למלך כתב, עיין לעיל סימן תכ״ה. וכוונתו כמו דשם במצות הריגת שבעה עממין, כתב ועובר על זה ובא לידו אחד מהם וכו׳. ור״ל דהוא הדין כאן נמי הוי הדין כן, כן הוא כוונת המשנה למלך. אבל בהרמב״ם** (מלכים ה, ד-ה) **כתב, מצות עשה להחרים ז׳ עממין וכו׳, וכל שבא לידו אחד מהן** [ולא הרגו עובר בלא תעשה, שנאמר לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה, וכבר אבד זכרם]. **וכן מצות עשה לְאַבֵּד זכר עמלק וכו׳, ולא כתב כלל וכל מי שבא לידו אחד מהן וכו׳, נראה ברור דמחלק בין מחיית עמלק ובין הריגת ז׳ עממין. והדין עמו, דבשלמא ז׳ עממין דכתיב בהו לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה, ופירושו שלא נחיה אחד מהן, כמ״ש הרא״ה בסימן תקכ״ח, ור״ל דעל כל נשמה ונשמה בפני עצמו קאי הלאו דלֹא תְחַיֶּה, מה שאין כן העשה דמְחִיָּה, דלא הוי מצוה רק ״למחות זכרו של עמלק״, ואם כן כל כמה דלא נוכל למחות** [כל] **זכרו, לא הוי המצוה כלל להרוג וכו׳** [עיי״ש עוד].

ובאמת הרא״ה שם במצוה תכ״ה כתב בהריגת ז׳ עממין, דאם בא לידו אחד, בטל העשה וגם עובר בלא תעשה, דהוא אזיל לשיטתו, אבל הרמב״ם ודאי אינו סובר כן. ונראה לכל זה כיון הגאון בעל משנה למלך בהגה״ה הנ״ל שכתב ועיין לעיל סימן תכ״ה, ר״ל דאזיל לשיטתו דכתב דעובר בעשה דהַחֲרֵם תַּחֲרִימֵם, אם כן הרמב״ם דלא כתב שעובר בעשה, אם כן גם כאן אין המצוה על אחד מהן, וזה ברור ונכון וכו׳. ובאמת קשה על הרא״ה בספר החינוך, דא״כ אם יפגעו שני אנשים כשרים וצדיקים בְּיַעַר מזרע עמלק במקום שודאי להם שאין רואה, יהיו מחוייבים להרגו, ואם לאו עוברים בעשה אתמהא, הלא לא ראינו ולא שמענו מאבותינו ורבותינו ואבות אבותינו שיהיו חוששין על זה, ולא חזינן לרבנן קשישאי דעבדי הכי אף במקום שמצוין זרעו של עמלק. ואין לומר דקושיא זו קשה ג״כ על הרמב״ם בז׳ עממין, זה אינו, דהלא כתב הרמב״ם שם דנשכח זכרם, וכמ״ש הרא״ה בספר החינוך שם בסימן תכ״ה דדוד הרג והשחית כולם, ולא נשארו רק מתי מספר ונתפזרו ונטבעו בין האומות עד שלא נודע זכרם, עיי״ש. אבל העמלקים בהרבה מקומות הם מצויים מאד, וזה ברור לדעתי כשמש.

[ז] **ברמב״ם** (מלכים יב, ג)**: בימי המלך המשיח וכו׳, יתייחסו כולם על פיו ברוח הקודש שתנוח עליו, שנאמר** (מלאכי ג ב. עי׳ קידושין עא.) **וְיָשַׁב מְצָרֵף וּמְטַהֵר, ובני לוי מטהר תחילה ואומר זה מיוחס כהן וזה מיוחס לוי, ודוחה את שאינן מיוחסין לישראל וכו׳, ואינו מייחס ישראל אלא לשבטיהם, שמודיע שזה משבט פלוני וזה משבט פלוני, אבל אינו אומר על שהן בחזקת כשרות זה ממזר וזה עבד, שהדין הוא** (קידושין שם) **שמשפחה שנטמעה נטמעה.**

KolSatmar.com

יא

[ואם כן] **לכאורה האָט מען נישט** [במציאות לקיים] **די מצוה ביז ימות המשיח,** [ורק אז יתקיים מצות תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, וכמו שתירגם יונתן] **וְלָא תִתְנְשֵׁי אפילו לימות המשיח.**

יב

**עוד הקדמה לישוב קושיא ד**

עיקר קיום המצוה כהיום שע"י קריאת הפרשה יתעורר להשפיל כח הרשעים, ולעורר עובדא לעילא על לעתיד שאז ימחה זכרם (עד אחר אות כא)

**נאָר צו פאַרענטפערן – קען זיין – די סתירה** [בין מצות זָכוֹר למצות תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק] (קושיא ג)**, קען זיין ס'איז בײדע אמת.**

[דהנה] **די מצוה איז אַ נצחי** [כדברי הישמח משה]**, 'היינט' זעט אויס איז די גאַנצע מצוה אויך נאָר אַן "ענין פנימי"** (כדלקמן אות סב-סח)**, קמי שמיא גליא** [אותם שמקורם ושורש נשמתם הוא משורש עמלק] (כדלהלן אות יד-טו, ואות סד)**.**

יג

**קושיא ה**

במדרש: שלאחר שפשט עמלק את ידו במקדש, כתיב מָחֹה אֶמְחֶה, על ידי הקב"ה

[דהנה יש להבין עוד, כי] **לכאורה** [קשה] **ס'שטייט דאָך** (בשלח יז, יד) **מָחֹה אֶמְחֶה** [אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק]**,** [ואמרו בתנחומא (תצא יא) ובפסיקתא דר"כ (ג, טו)] **לאחר שפשט ידו במקדש וועט זיין מָחֹה אֶמְחֶה** [ע"י הקב"ה, וקרא דתִּמְחֶה דקאי על 'ישראל' הוא רק עד שלא פשט עמלק ידו במקדש]**.**

והוא פלא דלא מצינו בשום מקום דהבית המקדש נחרב על ידי עמלק, רק על ידי נבוכדנצר וטיטוס

**איז דאָך די פלא** [לומר כי] **זרע עמלק זאָלן זיין ביי דעם** [שפשטו ידיהם בבית המקדש, והלא] **בײדע** [חורבנות לא היה על ידם]**. דער בית ראשון איז געוועזן נבוכדנצר** [מלך בבל שהחריב אותו]**. און נאָכדעם** [בחורבן בית שני] **איז געוועזן טיטוס.**

**ס'איז נישט געוועזן קיין עמלקים.**

**ס'איז געוועזן אֱדוֹם מיט די יְוָנִים** [שפשטו ידיהם בבית שני, ולא העמלקים][ח]**.**

יד

**ישוב קושיא ה**

זרע עמלק הוא ענין פנימי בשורש הנשמות, ואין הכוונה דוקא על מי שנולד מהם, וכל הרשעים המצירים לישראל הם משורש עמלק. [וכן הוא בהרשעים אף משאר האומות שהחריבו המקדש, ועל זה אמרו שעמלק פשט ידו במקדש]

**קען זיין** [הכוונה, והגם] **לכאורה אונז ווייס מיר גאָרנישט** [מי הם בכלל עמלק, כי הוא ענין פנימי בשורש הנשמה ולא בתולדות הגופים, כדלקמן]**.**

---

[ח] **ברמב"ן** (בלק כד, יח) על הפסוק **וְהָיָה אֱדוֹם יְרֵשָׁה**. מפלת אדום ביד המשיח תהיה, כי גלותינו היום ביד 'רוֹמָה' לאדום תחשב, וכמו שנאמר (איכה ד, כב) תַּם עֲוֹנֵךְ בַּת צִיּוֹן לֹא יוֹסִיף לְהַגְלוֹתֵךְ פָּקַד עֲוֹנֵךְ בַּת אֱדוֹם גִּלָּה עַל חַטֹּאתָיִךְ, כי לא יפקוד ה' על אדום עד תום עונות ציון בעת שלא יוסיף להגלותם. על כן הזכיר בלעם **אֱדוֹם**, כי הוא החולק על מלכותנו וכו'. [וקטע זה היה חסר בהרבה דפוסים על ידי הצענזור הנוצרי].

**ובביאור הגר"א** על מגילת אסתר (א, כב) **אֶל מְדִינָה וּמְדִינָה כִּכְתָבָהּ וְאֶל עַם וָעָם כִּלְשׁוֹנוֹ**, כתב: נקט גבי מְדִינָה 'כתב' וגבי עַם 'לשון', כי האומות נחלקו בד' דברים, **בכתב, ולשון**, וארץ שכל אומה יש לו ארצו, **ובמלבושים**. וסנחרב בלבל את כל האומות, ומי שישב במדינה זו הושיב במדינה אחרת, והכתב הוא לפי המדינה אבל כל אומה מדבר כלשונו שהיה מדבר מתחלה, לכך כָּתַב אצל מדינה כְּתַב כלומר להשרים שבמדינה, כי השרים לא גילה סנחרב, אבל להעם **כִּלְשׁוֹנוֹ**, כלומר היה צריך לכתוב כתב המדינה ולשון של אותה אומה שיושב בה עכשיו. ובזה מתורץ מה שהקשה אבן עזרא (בראשית כז, מ) שאמרינן שגלות הרביעי הוא גלות "אדום", והלא מלכות "רומי" הוא כתים ואדום היה תחת מלכי ישראל בשעת החורבן, אבל לפי מה שכתבנו אתי שפיר, כי סנחרב בלבל את כל האומות **והיה קבלה בידם שאדום הושיב ברומי**, עכ"ל.

**ובאבן עזרא** (תהלים קלז, ז) כתב שטיטוס הרשע לא היה מזרע אדום, כי אנשי רומא הם יְוָנִים עיי"ש. ועכ"פ באמצע בית שני בימי החשמונאים, אז היו היונים אותן שפשטו ידיהם במקדש וטמאו ההיכל ופרצו בו פרצות.

KolSatmar.com

**נאָר וואָס'זשע דען, דער בני ישׂשכר**[ט] **ברענגט פון די מקובלים, ברענגט ער ס'שטייט אַז אַ יעדער** [ששורשו מה'דעת' דסטרא אחרא]**, די אַלע מְצִירִים לְיִשְׂרָאֵל, זענען מזרע עמלק. און טאַקע 'די' זענען די עמלקים.** [והגם שאין יודעים מי המה, כי] **סנחריב בִּלְבֵּל כל העולם כולו, אָבער זיי 'שטאַמען' פון עמלקים** [בשורשם].

[וכן מצינו] **דער זוהר הקדוש זאָגט גאָר**['] **נאָך מער,** [כי] **אפילו די וואָס זענען טאַקע זיי זענען פון די 'אנשי ישראל',** [ווייל] **זיי זענען 'צווישן אידן' געבוירן, איז 'מעורב'** [ביניהם רשעים] **פון די "ערב רב". און אין די "ערב רב" איז דאָ אַ כת "עמלקים" צווישן זיי.**

## טו

[והכוונה בכל זה, כי] **דער מקור פון די נשמות** [שלהם] **זענען פון** [שורש] **ערב רב** [ועמלק]**, קמי שמיא גליא** [מי ששורשם משם, אף שלמטה הם מעורבים בישראל או בשאר אומות].

## טז
### הקדמה לקושיא ו

במדרש הובא ברוקח: ישראל אומרים לפני הקב"ה, אנו רק לשעה ואיך יכולין לזכור, אתה שאתה חי וקיים נא אתה זכור.
והשיב הקב"ה, תקראו הפרשה ומעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו

**איבערדעם איז מען מתפלל צו הקדוש ברוך הוא** [שהוא ימחה אותם, יען כי רק הוא יודע מי הם]**. קען זיין.**

[דהנה] **דער רוקח** (סימן רלד) **ברענגט דעם מדרש** (פסיקתא פרק יג) **אַז אידן זאָגן פאַר'ן בורא כל עולמים, אתה אמרת לנו לזכור** [למחות את זכר עמלק]**, אנו נוכל לזכור לשעה** [אחת]**, אתה שאתה חי וקים, אתה זְכוֹר. אמר להם הקדוש ברוך הוא,** [בָּנַי] **בזמן שאתם קורין לְפָנַי** [פרשת עמלק בכל שנה] **מעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו** [מן העולם].

## יז
### קושיא ו

וכי בשביל שאנו רק לשעה אין אנו יכולין לקיים מצות זכירה

**לכאורה וואָס האָבן זיי געזאָגט, ס'איז עפּעס גיוועגדט אויף לשעה אַז מ'מוז געדענקען ?, געדענקען דאַרף מען דאָך אייביג געדענקען** [בכל שעה ושעה שהוא עומד בו, ואף מי שאינו מתקיים לעולם]**, וואָס אַ נפקא מינה וואָס אונז געדענק מיר נאָר לשעה.**

---

[ט] **בבני ישׂשכר** (אדר מאמר ג, דרוש ה)**: ומעתה תתבונן גם כן מה שכתוב בזוהר בשלח** (סז.) **אָמַר רַבִּי יְהוּדָה בְּכָל דָּרָא וְדָרָא בְּכָל דָּרִין דְּאַתְיָן לְעָלְמָא לֵית לָךְ דָּר דְּלֵית בְּהוּ מֵהַהוּא זַרְעָא בִּישָׁא וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אָגַח בְּהוּ קְרָבָא,** עכ"ל. **כי כל היועצים עצות רעות על ישראל בכל דור ודור ובכל אומה במלכותם,** הנה העצה בא מהדעת, והוא מהדעת דסטרא אחרא אשר הוא שורש עמלק, וכן גזרו אומר **בזוהר בראשית** (כה.) אשר גם כל העומדים כלי חמס על ישראל בְּדָרִין בַּתְרָאִין, כתות הערב רב, אשר בקרבינו הם יושבים מינים מוסרים אפיקורסים, הן המה משורש עמלק הדעת דסטרא אחרא, "ערב רב" בגימטריא "דעת", והמה אשר אמרו בדור המדבר (תשא לב, א) כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ [דעת דקדושה] לֹא יָדַעְנוּ מֶה הָיָה לוֹ. - והנה ידיד הקורא, כאשר תראה בדורות הללו [עקבות משיחא] אשר בעונותינו הרבים נתרבה האפיקורסות, וגם אותן דקיימין כלי חמס על ישראל לפשוט את עורם מעליהם בעצות רעות בחוקים לא טובים וד"ל, הנה תצפה לרגלי משיחא, דהנה זה גמר הבירור להפריד הטוב מן הרע אשר בעוה"ר על ידי עץ הדעת טוב ורע נתהווה מה שנתהווה, וכאשר יוגמר הבירור במהרה בימינו הנה בא יבא משיח צדקנו ולא יאחר וכו'.

['] **בזוהר הקדוש** (בראשית כה.)**: וְחָמֵשׁ מִינִין אִנּוּן בְּעֵרֶב רַב וְאִנּוּן** (סימן נג"ע ר"ע) **נְ'פִילִים גִ'בּוֹרִים עֲ'נָקִים רְ'פָאִים עֲ'מָלֵקִים וכו'** (ועיי"ש באורך). - **ובתיקוני זוהר** (קיט., סוף תיקון סט)**: ולבתר אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'** (צפני' ג, ט), **אבל כד עמלק דאינון בכורי מצרים ערב רב, מעורבין בישראל, עלייהו אתמר תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, דלא אשתאר מנהון שריד, דאלין אינון ערבוביא מכל אומין ואפילו מקין, ומיד דיתמחון מעלמא אָז הוּחַל לִקְרֹא בְּשֵׁם ה'** (בראשית ד, כו). [וכן מבואר בכמה מקומות בזוהר דערב רב הם רשעים המעורבים בישראל, ולפי המבואר בזוהר בראשית הרי חמש מינין אינון בערב רב, ואחד מהם הוא כת "עמלקים", ובזה יובן דקדוק לשונות רבינו כאן].

### יח
### קושיא ז

און וואס דער תירוץ איז [בזמן שאתם קורין פרשת זכור, מעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו. גם בזה צריך להבין הכוונה].

### יט
### הקדמה לישוב קושיא ו

ישראל אומרים דאנו שחיים לשעה בזמן הזה, אין אנו יודעים כהיום מי הם זרע עמלק, ועוד שהוא דבר התלוי בשורש הנשמות ולא רק בתולדת הגופים, ומי יוכל לידע זה

נאר וואס׳זשע דען, אונז קאן מיר נאר מתפלל זיין צו הקדוש ברוך הוא, נאר צום בורא כל עולמים [שהוא ימחה אותם].

פונקט ווי ׳ער׳ ווייסט ווער ס׳איז אן עמלקי און ווער נישט [כך רק הוא ימחה אותם], אבער אידן [הלא אין יודעים מי הם (כדלעיל אות י)].

נאר וואס דען, [לפי המתבאר (באות יד) נמצא עוד סיבה על שאין יודעין מי, כי הרי] איך מוז דאך נישט זאגן אז ס׳איז [זרע] עמלקים [דוקא], ס׳געפינט זיך נשמות [משורש עמלק גם במי שאינו מזרעם, ואף בזרע ישראל, וכל זה הם מהדברים הנסתרים שאינם ידועים לנו].

לעתיד וועט דאך הערשט נתברר ווערן ׳ווער׳ ס׳איז עמלק, [ועד אז נצטווינו כי] קודם זאלסט דו ׳געדענקען׳ [להשפיל כוחות הרע, שאתה הוא היודע מי הם].

### כ
### ישוב קושיא ו

ולפי זה מה תועלת יש "בזכירה" שלנו, כשאף אין יודעים מי הם

איבערדעם האבן זיי געזאגט [לפני הקב"ה], אונז זעמיר נאר לשעה, וואס וועל מיר אויפטון מיטן ׳געדענקען׳, מ׳ווייסט דאך נישט ווער ס׳איז מזרעו.

### כא
### ישוב קושיא ז

והשיב הקב"ה שבכח הזכירה והקריאה, עי"ז יושפע השפלה והורדה לכחות שלהם במקום שהם, אף בזמן הזה, ולכן מעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו

האט הקדוש ברוך הוא געזאגט מעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו, אפילו מ׳ווייסט נישט ווער ס׳איז [אבל בכח זה יגיע הַשְׁפָּלָה לכוחות הרשעים במקום שהם].

[און ווי] דער אמת איז דאך, חלילה ׳אין זיך אליין׳ קען מען האבן א בחינה פון עמלק ... דעס אמאל וועט דאך הערשט נתברר ווערן לימות המשיח.

איבערדעם האט דער בורא כל עולמים געזאגט ניין, מיט די קריאה אליין מעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו [להשפיל עי"ז כחות הרע שבתוך עצמו, ושבתוך הכלל ישראל], אפילו בתוך הזמן, ׳פאר׳ ביאת המשיח. (כדיבואר עוד ההמשך, להלן בסוף הדרוש אות סב-סט)

(וראה עוד סיום ישוב קושיא ו-ז באות כז)

### כב
### ישוב קושיא ד

ע"י השפלת הרשעים שע"י "הזכירה" והקריאה, עי"ז מעוררין לעילא "מחייתו" בפועל לימות המשיח, ולזה רמז התרגום יונתן שלא תשכח אפילו לימות המשיח

ממילא מיט ליינען די מצוה [בזמן הזה, שעי"ז משפילין כחות הרע אף לפני ביאת המשיח], מיט דעם איז מען משפיע [לעורר עובדא לעילא על לאחר ביאת המשיח למחות אותו בפועל], אזוי ווי דער תרגום יונתן [זאגט לא תִּשְׁכָּח] אפילו לימות המשיח.

אבל לאחר שיימחה זכרו בביאת המשיח, לא שייך עוד לפעול כל זה ע"י הזכירה והקריאה,
כי כבר יהא נמחה, ולזה א"ש דברי רבינו בחיי שעיקר אופן המצוה לא שייך לעתיד לבא

מיט דעם פאַרשטייט מען דעס וואָס דער **רבינו בחיי** זאָגט אַז דערנאָך שוין נישט [כי אז לאחר ביאת המשיח כשימחה זכרו, לא יהיה שייך עוד כח זה להשפיל כחותיו ולעורר לעילא את מחייתו, כי כבר יהיה נמחה].

**כג**

**הקדמה לישוב קושיא ג**

בתרגום יונתן פרשת בשלח: מלחמת עמלק הוא בג' מיני דורות, בזמן הזה, לימות המשיח, ולימות עולם הבא (באלף השביעי)

נאָר אין **תרגום יונתן** פרשת בשלח[יא] [על הפסוק] **מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר**, זאָגט ער די מלחמה איז **בג' דָּרִין**. **מִדָּרָא** [דְעָלְמָא דֵין] - זאָגט ער - 'דעס' דור [שבזמן הזה], און ווידעראום **מִדָּרָא דְמַלְכָּא מְשִׁיחָא, וְדָרָא דלעתיד לבוא**.

זעט אויס אַז ס'איז דאָ דריי [תקופות ובחינות במחיית עמלק], נאָך "ימות המשיח" קומט נאָך נאָך "לעתיד [לבא]".

"לעתיד" איז דאָך צוויי זאַכן מיט "ימות המשיח", אַזוי ווי דער רמב"ם (בפיה"מ סנהדרין פ"י, ובהל' תשובה פ"ט) איז מאריך, ער גיט צו פאַרשטיין דאָס איז צוויי ענינים[יב].

ער [התרגום יונתן] זאָגט דאָך טאַקע אַז דאָס איז דריי מאָל [המלחמה בעמלק], פאַרדעם זאָגט ער עקסטער "ימות המשיח", און עקסטער פון "לעתיד לבוא". און ווער ס'וועט זוכה זיין "לימות המשיח" וועט מחוייב זיין אין אַלדינגס, אין די אַלע מצות [כדברי הישמח משה, וכדברי התרגום יונתן בפרשת כי תצא דלא תשכח אפילו ביומי דמלכא משיחא].

**כד**

בתחילה לאחר "ביאת המשיח" יצטרכו למחות זכרו בפועל, ועל זה נאמר תִּמְחֶה אֶת
זֵכֶר עֲמָלֵק "מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם", [דגם אז עולם כמנהגו נוהג ונקרא בבחינת "תחת השמים"]

איבערדעם קען זיין. ער זאָגט צו דער תרגום יונתן (בפרשת בשלח) נאָך עפּעס, **דָּרָא דלעתיד לבוא**, הערשט 'נאָך' "ביאת המשיח" וועט מען דאַרפן האָרעווען ס'זאָל נישט בלייבן [מעמלק, ואז יתקיים] דער "מָחֹה" [אֶמְחֶה] פון אויבן בשמים, ס'וועט שוין נישט בלייבן פון אים קיין זכר. וואָרן דער כח [של עמלק] וואו [אימער] ער ליגט, שאַדט עס [לישראל].

לפי זה איז דאָס צוויי זאַכן, איז דאָס צוויי זאַכן צו טון, טאַקע **תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק "מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם"**, אַלדינגס וואָס ס'טוט זיך דאָ אין דעם דור [היינו בזמן הזה, בדרא דעלמא הדין, הוא בבחינת "מתחת השמים"], און אין דור לאחר ביאת המשיח, איז דאָך אויכעט "מתחת השמים"[יג]. [אָבער] "דעמאָלטס" [בדרא דלעתיד לבא, לאחר שכבר יתקיים מצות תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק] וועט מען עס דאַרפן פאַרגעסן אינגאַנצן [הבחינה שיש בזמן הזה בהתעוררות כח קיום המצוה, שהוא להשפיל כח הרע ולמחותו].

---

[יא] **בתרגום יונתן** (בשלח יז, טז) וַאֲמַר אֲרוּם קְיֵים מֵימְרָא דַה' בְּכוּרְסֵיהּ יְקָרֵיהּ, דְהוּא בְּמֵימְרֵיהּ יַגִּיחַ קְרָבָא בִּדְבֵית עֲמָלֵק, וִישֵׁיצֵי יַתְהוֹן לִתְלָתֵי דָרַיָא, מִדָּרָא דְעָלְמָא דֵין, וּמִדָּרָא דִמְשִׁיחָא, וּמִדָּרָא דְעָלְמָא דְאָתֵי.

[יב] וכמו שהביא רבינו כמ"פ בשם היפה תואר (על שמו"ר יב, ט), ועיין **בדברי יואל** בשלח (עמוד שלה), ועוד. - וע"ע בענין זה בסידור היעב"ץ (ריש פרקי אבות) על המשנה כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא.

[יג] הוא כעין דברי הישמח משה בתירוצו, המובא לעיל סוף הערה ב, רק באופן אחר לדרכינו.

אבל בתקופת עולם הבא כבר יהא נמחה זכרו ואז לא יזכרו אותו בבחינה שזוכרין אותו בתקופת "מתחת השמים",
רק בבחינת אשר "מעל השמים" לבד, [לזכור בדרך כלל חסדי השי"ת עמנו בהצלתינו מהם]

אָבער עקסטער דאַרף מען נאָך געדענקען אים וועגן "לעתיד לבוא", דאַרף מען געדענקען וועגן לעתיד לבוא, און צו דעם דאַרף מען גאָרנישט דעם גאַנצן המשך וואָס ער האָט געטון, דעם אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וגו׳, דעס דאַרף מען נישט געדענקען דעמאָלטס, אָבער על כל פנים בדרך כלל וועט מען אַלץ דאַרפן געדענקען ... [בדרך כלל, את הנסים והנפלאות שעשה עמנו השי"ת במחיית זכרו ובהצלתינו ממנו].

**כה**

**ישוב קושיא ג**

איבערדעם קען זיין דאָס איז ביידע אמת [הן מצות הזכירה והן מצות מחיית זכרו], מ׳דאַרף נישט געדענקען פון "אים", דער אייבירשטער וועט העלפן, ׳נאָך׳ "ביאת המשיח", מ׳וועט אויסמעקן פון אים ׳אַלעס׳, מ׳וועט פאַרגעסן אַז ס׳איז געווען אַמאָל [רשעים כאלו]. - אָבער דאָס איז אַן עקסטערע זאַך, וואָס מ׳האָט אינזין וואָס מ׳געדענקט "אויבן" [מעל השמים], אויף "לעתיד [לבא]".

מיט דעם איז פאַרענטפערט די סתירה, דאָס קאָן זיין.

**כו**

**ביאור המשך הכתובים דפרשת זכור, לדרכינו**

איבערדעם זאָגט מען "זָכוֹר" אפילו לימות המשיח, ווי דער תרגום יונתן זאָגט [בפרשת כי תצא, לֹא תִּשְׁכָּח ואפילו לימות משיחא], מ׳ווייסט דאָך נישט, למעשה ווייסט מען דאָך [נישט מי הוא מזרע עמלק] ס׳איז נאָר במחשבה [ודיבור, שקורין הפרשה ומתפללים להקב"ה שהוא ימחה אותם, כי במעשה] וואָס קען מען טון, נאָר מעלה אני עליכם ׳כאילו׳ מחיתם אותו, אָבער דער אמת טאַקע בפועל ממש ווייסט מען נישט [האיך למחותו].

איבערדעם דאָס איז פשט, בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ וגו׳ תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק. ׳דאָס׳ [מצות "זכור" במחשבה לבד] איז ׳דערווייל׳ [בזמן הזה, שאין יודעים מי הם ואין יכולים למחותו בפועל], אָבער לעתיד [״לימות המשיח״ יתגלה מי הם ואז יהיה העבודה לקיים מצות תמחה, ועל זה נאמר וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב וגו׳, שזה יהיה לעתיד בזמן ביאת המשיח, אז תוכל לקיים בפועל תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק, מלבד מה שתקיים מצות זכור ולא תשכח, שהם אפילו לימות המשיח כדברי התרגום יונתן].

**כז**

**סיום ישוב קושיא ו**

איבערדעם זאָגט מען [להקדוש ברוך הוא], דו ביסט חַי וְקַיָּם, אונז זעמיר נאָר [לשעה], וואָס קאָן מיר אונז טון. [כי הרי] מ׳דאַרף צו געדענקען דעם זכור לתלתא דרי, ווי דער תרגום יונתן זאָגט [בפרשת בשלח. ועל זה אנו מבקשים] וואָס קאָן מיר אונז אויף "לעתיד", די אַלע זאַכן קאָן דאָך אַ מענטש נישט.

**סיום ישוב קושיא ז**

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, עטץ זאָלסט נאָר ליינען, און מעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו. (ראה עוד להלן אות סב-ע)

כח

# ישוב הקושיות שבתחלת הדרוש

הקדמה לישוב קושיא **א-ב**

(עד אחר אות נ)

**נאָר אָבער וועל מיר צוקומען צו דעם מדרש, כיצד יתקיימו שניהם.**

**כט**

**- דער אמת שטייט זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה "לְךָ" עֲמָלֵק, מ'דאַרף זיך** [יעדער] **אַליין באַרעכענען** [ביי זיך], **זָכוֹר אֲשֶׁר עָשָׂה "לְךָ". -**

**ל**

**נאָר** [לבאר] **דער מדרש כיצד יתקיימו שניהם.**

**בשאגת אריה** הביא ראיות מהגמרא דגם זכירת יציאת מצרים צריך להזכירו "בפה"

[יש לומר בהקדם וואָס] **דער שאגת אריה** (סימן יג) **זאָגט דאָרטן קעגן** [זכירת] **"יציאת מצרים", ברענגט ער כמה ראיות פון די גמרא אַז מ'איז נישט יוצא בהרהור, ס'מוז זיין בדיבור.**

**לא**

קושיא **ח**

קושיית השאגת אריה: כיון שיש שלשה כתובים הבאים כאחד ואין מלמדין, נמצא דבכל מקום שאינו נדרש בקרא דצריך לזכור בפה, סגי בהרהור הלב, ולמה בזכירת יציאת מצרים חזינן בגמרא דצריך להיות בפה

**פרעגט ער אַ קשיא**[יד]**, לכאורה אין ספרא שטייט**[טו], [כתיב] **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, קען איך מיינען** [דזהו] **שכחת הלב, כשהוא אומר 'לֹא תִּשְׁכָּח' הרי שכחת הלב אָמוּר, הוי אומר ס'מוז זיין זָכוֹר "בְּפֶה".**

**זאָגט ער ווייטער, שטייט דאָרט** [בספרא], **ברענגט ער אַזעלכע דריי לימודים:**

**א] זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.**

**ב] און ביי שבת,** [כתיב] **זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, או אינו אלא בלב, כשהוא אומר שָׁמוֹר** [אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת] **הרי שכחת הלב אמור, תלמוד לומר זכור** [שתהיה שונה בפיך].

**נאָכדעם זאָגט ער ביי מרים'ן,** [דכתיב] **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה** [ה' אֱלֹקֶיךָ] **לְמִרְיָם** [בַּדֶּרֶךְ] **בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם** (תצא כד, ט), **כשהוא אומר הִשָּׁמֶר בְּנֶגַע הַצָּרַעַת** (שם פסוק ח) **הרי שכחת הלב אמור, אלא מאי זָכוֹר, בפה,** [שתהיה שונה בפיך]. [עד כאן הספרא].

**לב**

[על כל פנים] **זאָגט ער דריי** [לימודים בספרא, ללמד דכוונת "זכור" הוא "בפה"].

---

[יד] ראה עוד הקושיא בדברי רבינו, באות לה.

[טו] **בתורת כהנים** [שהוא ספרא] (ריש פרשת בחקותי)**: אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ** (בחקותי כו, ג), יכול אלו המצות, כשהוא אומר (שם) 'וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ' הרי מצות אמורות, הא מה אני מקיים 'אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ', להיות עמלים בתורה. וכן הוא אומר (שם, יד) **אִם לֹא תִשְׁמְעוּ לִי**, יכול אלו המצות, וכשהוא אומר (שם) 'וְלֹא תַעֲשׂוּ אֵת כָּל הַמִּצְוֹת הָאֵלֶּה' הרי מצות אמורות, אם כן למה נאמר 'אִם לֹא תִשְׁמְעוּ לִי', להיות עמלים בתורה.

וכן הוא אומר (יתרו כ, ז) **זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ**, יכול בלבך, כשהוא אומר (ואתחנן ה, יא) **שָׁמוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת**, הרי שמירת הלב אמורה, הא מה אני מקיים 'זָכוֹר', שתהיה שונה בפיך.

וכן הוא אומר (עקב ט, ז) **זְכֹר** [אַל תִּשְׁכַּח] **אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ** [אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בַּמִּדְבָּר], יכול בלבך, כשהוא אומר **אַל תִּשְׁכַּח** הרי שכחת לב אמורה, הא מה אני מקיים 'זָכוֹר' שתהיה שונה בפיך.

וכן הוא אומר (תצא כד, ט) **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְמִרְיָם**, יכול בלבך, כשהוא אומר (שם, ח) 'הִשָּׁמֶר בְּנֶגַע הַצָּרַעַת לִשְׁמֹר מְאֹד וְלַעֲשׂוֹת' הרי שמירת הלב אמורה, הא מה אני מקיים 'זָכוֹר', שתהיה שונה בפיך.

וכן הוא אומר **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק**, יכול בלבך, כשהוא אומר 'לֹא תִּשְׁכָּח', הרי שכיחת לב אמורה, הא מה אני מקיים 'זָכוֹר', שתהיה שונה בפיך.

[והקשה השאגת אריה][טז] **דער כלל איז דאָך** (קידושין לד: ועוד) **אַז ג' כתובים הבאים כאחד אין מלמדין, לערן איך דאָך 'נישט' אַרויס** [מג' זכירות אלו לשאר זכירות].

[ווייל] **ס'איז דאָך אַ סימן** [שאין למדין מזה, מאחר שצריכים שלשה כתובים על ענין אחד, כי] **אַז איך דאַרף האָבן פאַר דעם אַן עקסטערע ציווי** [בהכתוב בכל מקום]**, איז דאָך אַ סימן אַז ווען ס'איז נישטאָ קיין עקסטערער דיבור, איז טאַקע נישט "בפה".**

[ואם כן לדעת התורת כהנים דיש ג' לימודים, נמצא דבזכירת יציאת מצרים שאין שם לימוד להיות בפה, הרי סגי בהרהור הלב בלבד].

## לג

וע"כ נוטה בשאגת אריה דיש פלוגתא בין הגמרא והתו"כ, ומ"מ להלכה נקטינן כהגמרא דצריך להזכיר בפה גם יציאת מצרים

**ער וויל דאָרט זאָגן** [השאגת אריה במסקנתו להלכה, כי אף שלהתורת כהנים סגי בהרהור הלב, עם כל זה יען] **אַז פון די גמרא זעט דאָך אויס אַז יאָ** [שיציאת מצרים צריך גם כן לזכור בפה]**, כאָטשיג פון ספרא זעט אַזוי אויס** [דסגי בהרהור הלב]**, בלייבט די הלכה אַזוי ווי די גמרא** [נגד הספרא]**, אַז נאָר "בדיבור"** [יוצאין מצות זכירת יציאת מצרים בכל יום].

## לד

אבל לי נראה ליישב באופן דגם להספרא צריך להזכיר גם יציאת מצרים אף בדיבור

**נאָר מיר דאַכט זיך אַז ס'איז נישט קיין סתירה פון ספרא אויף די גמרא,** [אלא אף להספרא צריך להזכיר יציאת מצרים "בדיבור"].

## לה
## סיום קושיא ח

קוטב הקושיא על פי הקדמת דברי השאגת אריה

**ווייל לכאורה איז דאָך אַ קשיא, אַז ס'איז דאָ דריי לימודים איז עס גאָר אַ לימוד** [דבשאר מקומות לא אמרינן כן]**, אין די גמרא געפינט מען דאָך אַז פון דעם קאָן מען נישט**

---

[טז] וז"ל השאגת אריה בסיום דבריו: ולפי מה שכתבתי, אפילו למאן דאמר הרהור כדיבור דמי, מכל מקום הזכרת יציאת מצרים אינו אלא "בפה", כמו של עמלק וכו'.

אלא שראיתי להרמב"ן בפירוש התורה פרשת כי תצא (כד, ט) על פסוק זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְמִרְיָם, שכתב שזה אזהרה ללשון הרע שיזכור את אשר נעשה למרים הצדיקת שלקתה בצרעת על שדיברה לשון הרע על משה רבינו אחיה, וזכירה זו מצוה עשה היא כמו זכירת שבת ושל עמלק וכמו זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם, שכולן מצות הן, ומביא לשון הספרא (ריש פרשת בחוקתי) וכו' וכן הוא אומר זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, יכול בלב כשהוא אומר זכור הרי שמירת הלב אמורה, הא מה אני מקיים זכור שתהא שונה בפיך, וכן הוא אומר זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח, וכן הוא אומר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה וגו' לְמִרְיָם וכו', וכן הוא אומר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק וכו', הא מה אני מקיים זכור, שתהא שונה בפיך וכו', עד כאן [הרמב"ן].

ונראה שבתחלת דברי הספרא שהביא [הרמב"ן] יש טעות סופר, וכן צריך לגרוס זכור את יום השבת לקדשו יכול בלבך כשהוא אומר "שמור" הרי שמירת הלב אמורה, ואשמור שבדברות אחרונות קאי וזה מבואר.

מ"מ למדנו מדברי הספרא הללו, דגלי לן רחמנא גבי זכירת שבת ושל מרים ושל עמלק בכל אחד ואחד קרא יתירא, ללמוד על "זכור" שנאמר אצלו שהוא "בפה", מפני שזכירת הלב כבר אמורה, הא לאו הכי הוה אמינא דזכור אינו אלא בלב, ולא הוי ילפינן זכירה אחת מחברתה דגלי לן בה רחמנא דזכור דידיה הוי בפה. אם כן גבי זכירת "יציאת מצרים" דלא גלי לן על "זכור" דידיה שהוא "בפה" דוקא, **בהרהור בלב** נמי סגי. ומזכירות הללו דאמרן אי אפשר למילף לזכירת יצ"מ, דהא הוה להו **ג' כתובים הבאים כאחד**, דשבת ודמרים ודעמלק, דכתב רחמנא קרא יתירא דזכור דידהו הוי בפה דוקא, וג' כתובים הבאים כאחד לכולי עלמא אין מלמדין, כדאיתא בהרבה מקומות בגמרא. ואכתי נימא דזכירת יצ"מ בהרהור בלב נמי סגי ליה.

ומכל מקום לענין הלכה כיון דכבר הוכחתי מגמרא שלנו דאין אדם יוצא ידי חובת הזכרת יציאת מצרים בהרהור, אפילו אם תמצא לומר דההיא **דספרא** לא סבירא לה הכי, נקטינן כגמרא שלנו.

ועוד הא קיימא לן (סנהדרין פו.) סתם ספרא רבי יהודא היא, איכא למימר דס"ל לגמרא דידן דיחידאה היא ורבנן פליגי עליה. וכ"ש אם נאמר דווקא למאן דאמר הרהור כדיבור דמי הוא דיצא ידי חובת הזכרה בהרהור, אבל למאן דאמר לאו כדיבור דמי אינו יוצא ידי חובה בהרהור, דכל שכן דאתי שפיר, דהא פלוגתא דתנאי היא בפרק שואל (שבת קנ.) אי כדיבור דמי או לא, ויש לומר דההיא דספרא אתיא כמאן דאמר כדיבור דמי, ואנן קיימא לן דלאו כדיבור דמי, הלכך אינו יוצא יד"ח הזכרת יציאת מצרים "בהרהור", כן נראה לי.

אַרויסלערנען, מילא אַז ס'איז דאָ דריי, [הרי] ג' כתובים הבאים כאחד אין מלמדין.

(ההמשך באות לז)

**לו**

– דער אמת איז, אינעווייניג אַז מ'קוקט אַריין אין **ספרא** שטייט גאָר **פיר**, [שנזכר שם גם הפסוק] זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ וגו' (עקב ט, ז), מ'זאָל געדענקען מעשה העגל, זאָגט ער אויך די זעלבע זאַך [כשהוא אומר אַל תִּשְׁכַּח הרי שכחת לב אמורה, הא מה אני מקיים 'זָכוֹר' שתהיה שונה בפיך][יז]. –

**לז**

**הקדמה לישוב קושיא ח**

איך מיין מ'קען פאַרענטפערן [להתאים דברי הספרא] אַקעגן די גמרא, אַז ס'איז נישט קיין [דין] שני כתובים הבאים כאחד, [דאם לא כן הרי] כתובים הבאים כאחד אין מלמדין, [ונמצא] אַז טאַקע נאָר דאָרט [צריך להוציא הדיבור בפה] און ערגעץ אַנדערש איז מען יוצא בהרהור.

**לח**

**הך כללא דשלשה כתובים אין מלמדין, אינו נוהג כשיש "צריכותא" למה צריכין הלימוד בכל הג' מקומות בפני עצמם**

[דהנה] דער כלל איז דאָך אין די גמרא, איבעראַל ווען איך לערן **שני כתובים הבאים כאחד אין מלמדין, אָדער שלשה כתובים**[יח], [ואנן קיימא לן דבאמת דין ההוא נוהג גם בשאר דברים, ועל זה הקשו בגמרא למה נוהג גם בשאר דברים הלא שני או שלשה כתובים אין מלמדים], ענטפערט די גמרא **מיצרך צריכי**, [שיש צריכותא וטעם למה לא היה 'הוצרך' לכתוב לימוד זה גם בכתוב השני, וממילא] ס'איז **נישט איבעריג** [כתוב השני, ואם כן דינו כאילו היה כאן רק פסוק אחד, ושפיר מלמדים דין זה גם על שאר מקומות].

**לט**

[והביאור בזה] ווייל דער טעם פאַרוואָס שני כתובים הבאים כאחד אין מלמדין, ווייל ממה נפשך, אַז ס'איז געדרינגען [מפסוק אחד] איז דאָך איבעריג 'דער' פסוק [השני], דאַרף נישט שטיין 'דער' פסוק, אלא מאי מוז זיין [מדהוצרכה התורה ללמד דין זה גם בפסוק השני, מזה מוכח] אַז ס'איז נאָר דאָרטן [וואו ס'שטייט אַזאַ לימוד], ווייסט מען אַז נאָר דאָרט וואו ס'שטייט אַרויס אין פסוק [דין זה, רק שם בלבד נוהג זה, און] ערגעץ אַנדערש נישט, [ולכן הוצרכה התורה לכותבו בכל אותן מקומות ששם נוהג דין זה].

נו אַז די גמרא זאָגט אָבער [כי שניהם או שלשתם "מצרך צריכי"], אַז ס'איז אַ "צריכותא" פאַרוואָס ס'ברויך צו שטיין [הלימוד בכל אחד מהם, ווייל] איך העט עס ווען נישט גיווען אויפגעדרינגען 'דעס' פון 'יענעם', אַז איך העט עס נישט גיווען אויפגעדרינגען [השני מן הראשון] מוז שוין זיין אַן עקסטערער פסוק [שני], ס'דאַרף דאָך זיין אַ פסוק, איז דאָס נישט קיין "שני" כתובים הבאים כאחד אין מלמדין, ס'ברויך דאָך צו שטיין [בשניהם].

**מ**

**ועל דרך זה יש לומר דגם בכאן יש צריכותא למה נצרך הכתוב להשמיענו הלימוד דזכור בפה בכל הג' מקומות**

איבערדעם דאַכט זיך מיר, אַז דאָ [בכל הלימודים הנזכרים] איז אויך דאָ אַ "צריכותא" [ויש טעם למה הוצרך הכתוב להזכיר לימוד זה בכל אחד מהם בפני עצמו].

---

[יז] כפי הנראה היה בדעת רבינו לומר אופן של "צריכותא" גם על הלימוד הרביעי דזכור אל תשכח אשר הקצפת. אלא שלבסוף לא סיימיה למילתא.

[יח] דיש פלוגתא בזה, דיש אומרים דרק שלשה כתובים אין מלמדין, ויש אומרים דגם שנים אין מלמדים.

KolSatmar.com

## מא

### התחלת ישוב קושיא ח

### צריכותא דזכירת מרים עם זכירת שבת ועמלק

במעשה מרים היה סברא שלא להזכיר בפה, משום כבוד הצדיקים. ועל כן לא היה נשמע זכירה בפה משאר זכירות

קודם [בזכירת מעשה מרים] לעולם זאָגט ער אַליין דער **רמב"ן**[יט] [סוף כי תצא] אַז ס'העט גיוועןאַ סברא [שלא להזכיר מעשה מרים בפה].

[דהנה] דאָס איז דאָך - דער זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְמִרְיָם - איז דאָך אַ אזהרה אויף לשון הרע, מ'זאָל געדענקען וואָס ס'איז געשען ביי מִרְיָם ווייל זי האָט גערעדט לשון הרע. [וממילא] ביי מרים העט געוועןאַ סברא, זאָגט ער [ברמב"ן], די סברא העט געוועןאַז מ'זאָל עס נישט 'זאָגן', ווייל ס'איז דאָךאַ גנות פאַר די צדיקים, ס'איז נישט קיין כבוד הצדיקים, פאַר די צדיקת. די סברא איז געוועןמ'זאָל עס מעלים זיין ווי ווייט מעגליך[כ], מ'זאָל 'נישט' זאָגן עס אַרויס "בפה". און דער פסוק זאָגט [להשמיענו] אַז יאָ. [עד כאן דברי הרמב"ן].

## מב

ממילא אַז ס'איז דאָ אַ סברא אַז ניין, איז דאָך עס נישט געדרינגען פון ערגעץ אַנדערש [להזכיר מעשה מרים בפה, לא משבת ולא מעמלק], ווייל דאָ איז דאָ אַ סברא אַז וועגן כבוד הצדיקים זאָל עס בלייבן [בהעלם ולזוכרו רק בהרהור, ולכן יש צריכותא בזכירת מרים שהכתוב יודיע לנו דצריכים להזכיר זאת אף בדיבור].

## מג

וכן אם היה הלימוד רק בזכירת מעשה מרים דצריך להיות בפה, לא היה נשמע מזה לשאר זכירות. כי יש סברא דמשום כבוד הצדיקים הדרך להתרשל בזה, ולכן צריכין להזכירו בפה, כדי שלא ישכחו מזה ויזהרו באיסור לשון הרע, משא"כ במקום אחר

ווידעראום פאַרקערט, פון דאָרט [ממעשה מרים] קען איך אויך נישט 'אַרויסלערנען' [בבנין אב על שאר הזכירות דהם בפה, ווייל] מ'קען זאָגן אדרבה, **טאַקע היא הנותנת**, וועגן כבוד הצדיקת וועט מען גיכער פאַרגעסן, [ווייל] וועגן כבוד הצדיקים וועט מען זיך נישט וועלן באַפאַסן [=להתעסק] דערמיט, וועט מען פאַרגעסן, איבערדעם מוז מען עקסטער דאָ מער חיזוק [לצוות] מ'זאָל אַרויסזאָגן בפה.

טאַקע דער רמב"ן זאָגט אַליין אויכעט, אַז דאָס אַרויסזאָגן מיטן מויל איז אַ שטאַרקער תועלת, אַז מ'זאָל גיכער געדענקען, מ'זאָל נישט פאַרגעסן. [ולכן צוה הכתוב במעשה מרים להודיעו ולגלותו, כדי שתהא אזהרת לשון הרע שומה בפיהם][כא].

---

[יט] **ברמב"ן** (תצא כה, יז): **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק.** ולא ידעתי מה היא הזכירה הזו בפה וכו'. והנכון בעיני שהוא לומר שלא תשכח מה שעשה לנו עמלק עד שנמחה את שמו מתחת השמים, ונספר זה לבנינו ולדורותינו לומר להם כך עשה לנו הרשע, ולכך נצטוינו למחות את שמו. - וכן במעשה מרים נצטוינו להודיעו לבנינו ולספר בו לדורות. ואע"פ שהיה ראוי גם להסתירו, שלא לדבר בגנותן של צדיקים, אבל צוה הכתוב להודיעו ולגלותו, כדי שתהא אזהרת לשון הרע שומה בפיהם, מפני שהוא חטא גדול וגורם רעות רבות וכו'.

[כ] ועיין במשנה דמגילה (כה.) מעשה ראובן ומעשה דוד ואמנון נקראין ולא מתרגמין, ופירש"י דחיישינן לגנותן.

[כא] ועיין עוד בדברי הרמב"ן (תצא כד, ט) על זכירת מעשה מרים וז"ל: **זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְמִרְיָם**, אם באת ליזהר שלא תִּלָּקֶה בצרעת, לא תְּסַפֵּר לשון הרע, לשון רש"י. - ולפי דעתי שהיא מצות עשה ממש, כמו זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם, זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, כולם מצוה, אם כן גם זה כמותם. **והיא אזהרה מלדבר לשון הרע.** יצוה במצות עשה שנזכור העונש הגדול שעשה ה' לנביאה הצדיקת, שלא דברה אלא באחיה גְּמוּל חַסְדָּהּ אשר אֲהֵבָתוּ כנפשה, ולא דיברה בפניו שֶׁיֵּבוֹשׁ, ולא בפני רבים, רק בינה לבין אחיה הקדוש בצנעה, וכל מעשיה הטובים לא הועילוה וכו'. - ולשון סִפְרָא וכו', הא מה אני מקיים זכור שתהא שונה בפיך וכו' וְזָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְמִרְיָם, שתהא מזכיר זה בפה תמיד.

**ומכאן נראה שרבותינו יעשו אותה מצוה, לא סִיפּוּר וְעֵצָה בלבד להנצל מן הנגעים. ואיך יתכן שלשון הרע שהוא שקול כשפיכות דמים לא תהיה בו בתורה לא תעשה גמור או לאו הבא מכלל עשה, אבל בכתוב הזה**

KolSatmar.com

**מד**

ממילא איז דאָס נישט געדרינגען [זכירת מרים עם שאר הזכירות, ללמוד זה מזה].

**מה**

**המשך ישוב קושיא ח**

**צריכותא דזכירת שבת עם זכירת מעשה עמלק (אופן א)**

ווידעראום [זכירת] **שבת** מיט [זכירת מעשה] **עמלק'ן**, איז אויך נישט געדרינגען איינס פון דאָס אַנדערע.

**מו**

אם היה נאמר הלימוד רק בזכירת שבת, לא היה נשמע כן גם על זכירת עמלק, דשאני שבת שהוא זכירה לקדושה ועונג, וטוב לחזקו להזכירו גם בפה, משא"כ בעמלק שהוא מדת פרענות להוממו ולאבדו

[דהנה] דער כלל איז דאָך (סוטה יא.) **מדה טובה מרובה ממדת פורעניות**, אַ "מדה טובה" מוז זיין אַ שטאַרקערע בחינה.

איבערדעם קען איך דאָך זאָגן אַזוי, דעס - **שבת** - איז דאָך **קדושה מיט עונג**[כב], איז דאָך עס אַ שטאַרקערע זאַך [ולכן צריך להזכירו גם בפה].

ווידער עמלק, איז טאַקע לְהוֹמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ, טאַקע אַ גרויסע מצוה, אַ גרויסער הכרח, אָבער ס'איז 'דאָך' אַ חילוק, ס'איז דעך דאָך אַ "[מדת] פורעניות", אַ פורעניות פאַר יענעם דאַרף נישט צו זיין אויף אַזאַ שטאַרקע בחינה, [ועל כן היה סברא לומר שזכירת עמלק] דאַרף מען נישט צו זאָגן "בפה". [ועל כן לא היו יכולין ללמוד עמלק משבת, לענין חיוב זכירה "בפה"].

**מז**

וכן אם היה נאמר הלימוד רק בזכירת עמלק, לא היה נשמע על זכירת שבת, כי היה סברא דהיא הנותנת דיען שזכירת עמלק הוא מדת פורעניות שהוא היפוך דרך וטבע הצדיקים, על כן הוצרך לחזקו להזכירו בפה כדי שלא ישכחו מזה, אבל בשבת שקדושה ועונג הוא כדרך הצדיקים תמיד, אין צורך לחזקו, וע"כ הוצרך ללמד זאת גם בשבת בפני עצמו

און ווידעראום פאַרקערט [ללמוד שבת מעמלק], העט איך גיוועןן געזאָגט פאַרקערט, **היא הנותנת**, [דזכירת מעשה עמלק] ווייל ס'איז אַ 'פורעניות' איז נישט דער דרך [לחזקו], וואָרן אַזוי איז **דער דרך הצדיקים איז דאָך געשטעלט אויף 'טובה'**[כג], און 'דעס' [זכירת עמלק] מוז מען דאָך אַרויס מיט נָקָם, לְהוֹמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ, [וע"כ יש לחוש יותר שישכחו מזה, ולכן] ברויך מען אַ שטאַרקערן כח [להזכירו גם בפה].

איז נאָכנישט געדרינגען [מזה גם על שבת שהוא זכירה] **לקדשו ולעונג** [דצריך להזכיר השבת בפה, שהרי קדושה ועונג] 'דאָס' איז דאָך דער דרך פון צדיקים, **דער דרך הצדיקים איז עונג** [שעובדים להשי"ת בחשקות ומרגישים בזה תענוג גדול][כד], איבערדעם [היה סברא לומר

אזהרה גדולה בו, להמנע ממנו בין בגלוי בין בסתר בין במתכוין להזיק ולהבזות בין שאין מתכוין להזיק כלל, וזו מצוה מכלל תרי"ג מצות, ושכחה בעל הלכות גדולות וכל המונים המצות אחריו.

[כב] כדברי הפרקי דרבי אליעזר, זה זכור "לקדשו ולענגו" וזה זכור להוממו ולאבדו. (וכל האריכות שבכאן בישוב קושיא ח הוא הקדמה לביאור דברי הפרקי דרבי אליעזר).

[כג] עיין בסעודת משתה היין **פורים תשכ"ז** (אופן ג) שמבאר רבינו על דרך זה, מה שאופן הריגת המן הוצרך שיהא נבחר ע"י המן בעצמו ולא ע"י מרדכי, שאילו היה שואלים למרדכי איך לעשות התלייה של המן, בודאי היה אומר לעשות זאת במדת רחמנות רק כפי ההכרך, שכך הוא דרך הצדיקים שקשה להם לעשות מדת פורעניות רק כפי הצורך וההכרח ממש, אבל המן הוא שבחר לעצמו תלייה על עץ גבוה חמשים אמה כראוי וכיאות, עיי"ש באורך.

[כד] **ועיין בקדושת לוי** (שה"ש א, ג. עה"פ לְרֵיחַ) וזל"ק: **דהנה הצדיקים העובדים את הבורא ברוך הוא, הם מתענגים מעבודת השם יתברך, ועובדים בשמחה ובטוב לבב, ויש להם תענוג בעבודתם מעין עולם הבא, ואין ערך לתענוג זה מתענוגי עולם הזה, שהתענוגי עולם הזה אין תענוגים רק בשעת המעשה שמתענג, ואחר זה חלף** והלך לו התענוג והיה כְּלֹא היה, מה שאין כן בתענוגי עולם הבא וכו' - וע"ע **בקדושת לוי** (תצוה ד"ה וּמִלֵּאתָ).

KolSatmar.com

כי] במחשבה אַליין העט עס געווען געטוג [לקדש את השבת וּלְעַנְּגוֹ, ולכן הוצרך הכתוב לכתוב דרש זה גם בשבת שצריך להזכירו בפה, ולא סגי במה שכבר נאמר כן בעמלק].

מח

על כל פנים דאָס איז צוויי בחינות, מ'קאָן נישט אַראָפּלערנען איינס פון דאָס אַנדערע. [ורק עכשיו] אַז מ'האָט די ביידע [שיש לימוד הן בשבת והן בעמלק], ווייס איך דאָך סיי ווי סיי, סיי דאָ און סיי דאָ מוז אַלץ זיין בדיבור.

מט

המשך ישוב קושיא ח

צריכותא דזכירת שבת עם זכירת מעשה עמלק (אופן ב)

כי יש חילוק בתכונת הנפש של בני אדם, דיש שטבעו נוטה לקחת נקם ולהרע, ויש שטבעו נוטה לדרך של טובה ואהבה, וע"כ בכל אחד יש רבותא בזכירה אחרת שיתגבר נגד טבעו ויעשה גם ההפכו, ועל כן א"א ללמוד זה מזה

[ובאופן שני יש לומר הצריכותא דשבת ועמלק, ווייל] ס'איז תלוי אין אַ 'תכונה' פון מענטשן אויך[כה] [=בתכונת הנפש שלהם].

**ס'איז פאַרהאַנען איינער וואָס ער איז אַ תכונה וואָס ער איז פון זיין שורש אויף לָקַחַת נָקָם וּלְהָרַע, ביי אים איז אַ 'רבותא' [הזכירה שהוא] לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְּגוֹ.**

**און איינער ווידעראום איז געבויעט שורש נשמתו דוקא נאָר אויף לְהֵטִיב, און 'דעס' [לְהָרַע] איז כנגד הטבעיות, ס'איז כנגד טבעו כנגד בחינתו, איז ווידעראום אַ גרויסע רבותא אַז דאָ [בעמלק] מוז אָבער זיין לְהוֹמְמוֹ, ער זאָל געדענקען לְהוֹמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ.**

על כל פנים הא כדאיתא והא כדאיתא, דעס ברויך מען פאַר אַן אַנדערן און דעס ברויך מען פאַר אַן אַנדערן, מ'קען נישט אַראָפּלערנען איינס פון דאָס אַנדערע[כו].

---

[כה] ועיין כיוצא בזה בגמרא ברכות (סא:) כעין "צריכותא" התלוי בתכונת בני אדם, דאיתא שם על הפסוק וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ (ואתחנן ו, ה). תניא, רבי אליעזר אומר, אם נאמר בְּכָל נַפְשְׁךָ למה נאמר בְּכָל מְאֹדֶךָ, ואם נאמר בְּכָל מְאֹדֶךָ למה נאמר בְּכָל נַפְשְׁךָ. אלא, אם יש לך אדם שגופו חביב עליו מממונו, לכך נאמר בְּכָל נַפְשְׁךָ, ואם יש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו, לכך נאמר בְּכָל מְאֹדֶךָ.

[כו] ולמחרתו בסעודת משתה היין פורים תש"כ [שחל ביום ראשון בשבת] המשיך רבינו בבחינה זו (באופן א'), והוסיף לפרש בזה מאמר חז"ל חַיָּיב אָדָם לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, וזלש"ק [במקוצר]: ווער ס'האָט געהערט ביי שלש סעודות וואָס כ'האָב געזאָגט, קען עס גיכער פאַרשטיין. כ'האָב געטייטשט דעם מדרש כיצד יתקיימו שניהם, כ'וועל עס נישט איבער'חזר'ן, ס'איז מיר שווער עס איבערצו'חזר'ן, מ'קען דאָך געוואויר ווערן וואָס כ'האָב געזאָגט ביי שלש סעודות.

דאָ [לענינינו] איז אַזוי, ס'איז אַ גרויסער חילוק פון אָרוּר הָמָן און בָּרוּךְ מָרְדְּכַי:

**בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, זייער אַ גוטע זאַך אַז מ'בענטשט מרדכי'ן, מ'בענטשט אידן, די טבע פון אַן ערליכן איד ער האָט ליב גוטס, ער וויל משפיע זיין גוטס, דער מקור הקדושה איז דאָך פונעם גוטן, זייער אַ גוטע זאַך.**

אָרוּר הָמָן, שלעכטס, נוקם ונוטר [זיין ברשעים], ס'איז דער רצון הבורא ברוך הוא, ס'מוז זיין, אַנדערש קען מען נישט דאָס גוטע. אָבער ס'איז פאַרקערט פון דער טבע פון אַן ערליכן איד. די טבע פון אַן ערליכן איד ער וויל משפיע זיין גוטס, ער איז פון אַ גוטן מקור, ער האָט ליב גוטס, ער האָט ליב משפיע צו זיין גוטס, שלעכטס קומט אים אָן שווער. נאָר אַז ס'איז דער רצון הבורא ברוך הוא הערט זיך אויף אַלעס, ווייל ער פאַרשטייט אַז מ'איז מכניע דאס שלעכטע, דעם מקור הרשעה, מ'איז מכניע די קליפה, **דאָס איז דעס בעסטע אויף דער וועלט. פאַר זיי אַליין איז אויכעט בעסער אַז זיי ווערן נכנע,** וואָרן ווי מער שלעכט זיי זענען ווערן זיי דאָך מער איינגעטינקען ה' ישמרינו [בחטאים], אַז זיי ווערן נכנע קענען זיי נישט אַזויפיל שלעכטס טאָן, **אַ גרויסע טובה טוט מען זיי אַז מ'איז זיי מכניע, אָבער די טבע פון אַן ערליכן איד ס'קומט אָן שווער.**

ווידעראום דער וואָס ער איז פון אַ מקור ער האָט זיך ליב נוקם ונוטר צו זיין, ס'איז ביי אים נישט אַזוי שווער, [ואומר] "דער המן האָט געוואָלט אומברענגען אידן - לאָז מען זיך נוקם זיין אין אים", ער איז בטבע נוטה צו נקימה ונטירה, דעם קומט עס אָן גרינג. ווידעראום דער טוט נישט מיט אַזאַ גרויס חשק דעם בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, וואָרן ער איז בטבע נוטה זיך נוקם צו זיין, ער איז נישט אַזאַ פיינער מענטש ער איז נישט אַזאַ גוטער מענטש, דאָס איז אַסאַך תולה אין טבעיות.

KolSatmar.com

נ

## סיום ישוב קושיא ח

### אַז ס׳איז נישט אויף איין בחינה [כל אלו הזכירות], ממילא איז מיצרך צריכי, גייט נישט אָן קיין [דין] שני כתובים הבאים כאחד אין מלמדין.

[ועל כן אפילו לדברי הספרא, שפיר יכולין ללמוד מהם בבנין אב גם על הזכרת יציאת מצרים ושאר זכירות דצריך להיות אצלם הזכרה בפה, וכדעת הגמרא].

---

כ׳האָב געזאָגט [ביי] שלש סעודות האָב איך געזאָגט, אַז ס׳איז נישט קיין ראיה איינס פונעם אַנדערן [ולכן יש צריכותא לפרש מצות זָכוֹר בפה הן בשבת והן בעמלק].

לעולם איז אַזוי, ווילאַנג אַ מענטש האָט דעם דעת הטבעי און גייט נאָכ׳ן טִבְעִיּוֹת, זענען דיביידע זאַכן נישט איינס, אָדער ער איז מער נוטה ס׳איז אים גרינגער דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי וכו׳, און דער אָרוּר הָמָן איז כנגד הטבעיות, נאָר וואָס דען מ׳מוז זיין. איז ער ווידעראום פון אַן אַנדערע בחינה?, דער אָרוּר הָמָן איז אים גרינג, איז אים נישט אַזוי גרינג דער בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, האָט ער מער חשק צום אָרוּר הָמָן.

אַז מ׳טרינקט אָבער אַפּאָר גלעזלעך ווייַן, נעמט מען זיך אַרויס פונעם טבעיות, דעם ״רצון הטבעי״ באַזייטיגט מען, מ׳וויל נישט גאָרנישט נאָר דעם ״רצון הבורא ברוך הוא״, אַז מ׳וויל נאָר דעם רצון הבורא ברוך הוא וואָס איז אַ נפקא מינה צי אָרוּר הָמָן צי בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, מ׳איז נישט נוטה מער צום אָרוּר הָמָן ווי צום בָּרוּךְ מָרְדְּכַי און נישט מער צום בָּרוּךְ מָרְדְּכַי ווי צום אָרוּר הָמָן, אַז מ׳ווייסט אַז ס׳איז דער רצון הבורא ב״ה ס׳זאָל זיין אָרוּר הָמָן און ס׳איז דער רצון הבורא ב״ה ס׳זאָל זיין בָּרוּךְ מָרְדְּכַי.

**איך וויל נישט עפּעס אנדערש נאָר דעם רצון הבורא ברוך הוא!**

**עפּעס אַנדערשט ברויך איך גאָרנישט, גאָרנישט ברויך איך נישט!**

השי״ת זאָל מיר העלפן ס׳זאָל פון מיר אַרויסקומען דער רצון הבורא ברוך הוא, איך ווייס נישט גאָרנישט, איך ווייס נישט וואָס, איך פאַרלאָז מיך אויפן באַשעפער, דער באַשעפער זאָל מיט מיר טאָן וואָס ער וועט מיט מיר טאָן, איך זאָל מיך אַזוי פירן ס׳זאָל פון מיר אַרויסקומען דער רצון הבורא ברוך הוא, עפּעס אַנדערשט ברויך איך גאָרנישט, איך ווייס נישט וואָס, איך ווייס נישט וואָס ס׳איז גוט, איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טאָן.

**איך בעט מיך ביי השי״ת, השי״ת זאָל מיר העלפן ס׳זאָל פון מיר אַרויסקומען דער רצון הבורא ב״ה.**

**וואָס איך וויל טאָן, זאָל איך עס טאָן אַזוי ווי ס׳איז דער רצון הבורא ב״ה וברוך שמו. עפּעס אנדערשט ברויך איך גאָרנישט, איך בעט נישט גאָרנישט פון באַשעפער, איין זאַך בעט איך פון באַשעפער ס׳זאָל פון מיר אַרויסקומען דער רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו, ׳דאָס׳ וויל איך, עפּעס אַנדערש וויל איך נישט גאָרנישט.**

דאָס איז דער פשט, ווילאַנג מ׳טרינקט נישט אַפּאָר גלעזלעך ווייַן, [איז] אפשר דורך די טבע פון אַ מענטש האָט ער עפּעס אַ נטיה צום טבעיות, דאָס טבעיות איז נוֹטֶה אַמאָל מער צום בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, און איינעמס טבעיות איז נוֹטֶה צום אָרוּר הָמָן, דעמאָלטס זאָגט ער שוין נישט איינִיג, ווייל דעם איז אים נוטה דאָס טבעיות מער. **ברויך מען צו טרינקען אַפּאָר גלעזליך ווייַן, איך ווייס נישט קיין חילוק, מיט דעם זעלבן חשק מיט דעם זעלבן רצון זאָג איך דעם אָרוּר הָמָן ווי דעם בָּרוּךְ מָרְדְּכַי און דעם בָּרוּךְ מָרְדְּכַי ווי דעם אָרוּר הָמָן, פאַרוואָס, ווייל איך וויל נאָר זאָגן דעם רצון הבורא ב״ה, אַז דער רצון השי״ת איז פון אָרוּר הָמָן און דער רצון השי״ת איז פון בָּרוּךְ מָרְדְּכַי זענען זיי ביי מיר ביידע איינִיג, ס׳איז דער רצון הבורא ב״ה.**

דאַכט זיך מיר ס׳איז אַ גוטער פשט, חַיָּיב אָדָם לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע, איך ווייס נישט קיין חילוק, איך ווייס נישט, ווען איך זאָג טעמים טבעיים קאָן מען נאָך אַמאָל מאַכן אַ חילוק פונעם אָרוּר הָמָן צום בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, אַז מ׳קומט אָבער צו דער בחינה איך ווייס נישט גאָרנישט, איך וויל נישט גאָרנישט, איך וויל נאָר דעם רצון הבורא ב״ה, ממילא וואָס קאָן זיין אַ חילוק פון אָרוּר הָמָן ביז צו בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, פאַרוואָס זאָל איך מער נוטה זיין צו דעם אָדער צו דעם, דאָס ווייס איך זיכער די ביידע זענען דער רצון הבורא ב״ה, אַז די ביידע זענען דער רצון הבורא ב״ה איז נישט קיין חילוק.

ביידע זענען זיי ביי מיר איינִיג, מיט דעם זעלבן געפיל וואָס איך זאָג בָּרוּךְ מָרְדְּכַי זאָג איך אָרוּר הָמָן, מיט דעם זעלבן געפיל וואָס איך זאָג אָרוּר הָמָן זאָג איך בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, פאַרוואָס, ווייל איך ווייס אַז דאָס איז דער רצון הבורא ב״ה. ווען איך זאָל קוקן אויף מיין רצון, העט געוועזן עפּעס אַ חילוק, ס׳איז נישט איינִיג.

אַסאַך איז דאָ [וואָס] דעם בָּרוּךְ מָרְדְּכַי טוט ער מיר שוין צוליב, אָבער דעם אָרוּר הָמָן דאָס וויל ער נישט, בשום אופן. און ס׳איז דאָ אַזעלכע וואָס ער העט מיר שוין צוליב געטון דעם אָרוּר הָמָן, אָבער דעם בָּרוּךְ מָרְדְּכַי וויל ער נישט, אוי ווייַ געוואַלד, ס׳איז דאָ אַזעלכע, בעיני ראיתי אַז ס׳איז דאָ אַזאָלעכע, ער וויל עס נישט.

נאָר וואָס דען, ער ׳זאָגט׳ ביידע, אָבער ס׳קען זיין אַז ס׳איז אַ חילוק, נישט מיט אַזאַ שלימות מיט אַזאַ גאַנץ האַרץ קומט מען צו צו ׳דעם׳ ווי צו ׳יענעם׳, אָבער אַז דער באַשעפער העלפט מ׳טרינקט אַפּאָר גלעזליך ווייַן, אָה! קומט מען צו אַ בחינה [אַז] ס׳איז באמת נישט קיין שום חילוק, אָה! פּונקט איינִיג.

דאָס איז טייטש עַד דְּלָא יָדַע, איך ווייס נישט קיין שום חילוק בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, ביידע זענען זיי ביי מיר איינִיג, ער וויל דעם אָרוּר הָמָן ער וויל דעם בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, ס׳איז קיין שום חילוק.

געלויבט השי״ת, איין פשט.

נא

**ישוב קושיא א**

בעל המדרש ידע שלהלכה צריכין להזכיר גם יציאת מצרים אף בפה, ולא אמרינן כאן הדין דשני כתובים אין מלמדין. ועל כן הוקשה לו דאם כן למה צריך הב' כתובים הבאים כאחד, דהן בשבת והן במעשה עמלק יש לימוד דצריך להזכיר בפה, ועל זה שאל "כיצד יתקיימו שניהם", והלא אחד מהם הוא מיותר, דהיה יכול ללמוד אחד מחבירו

דאָס קאָן זיין אפשר דער פשט דאָ אין דעם מדרש [בפרקי דרבי אליעזר] וואָס כ'האָב אָנגעהויבן [בתחלת הדרוש].

לעולם קען זיין דער בעל המדרש האָט געוואוסט פון דעם אַז 'איבעראָל' [בכל הזכירות] זעה איך [בגמרא] אַז מ'איז נישט יוצא בהרהור, ס'מוז זיין **זכור "בפה"**.

אָבער אַז ס'איז איבעראָל אַזוי, [אם כן] מוז זיין איך לערן עס אַרויס פאַר אַ כלל [גם בשאר זכירות].

[אמנם לפי זה] די קשיא איז דאָך אָבער, אַז ס'איז איבעראָל אַזוי [אם כן הרי] ס'איז דאָך **שני כתובים הבאים כאחד**, וואָס דאַרף מען האָבן צוויי פסוקים דערויף.

נב

[וזהו שהקשה המדרש]: **כתוב אחד אומר זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ וכתוב אחד אומר זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, כיצד יתקיימו שניהם**, איינער איז דאָך זיכער איבעריג, [ווייל] מ'קען דאָך אַרויסלערנען איינס פון דאָס אַנדערע, אַז נישט העט איך געוועזן געדאַרפט צו זאָגן מ'זאָל אין ערגעץ ניטשט [זיין מחוייב 'בפה' בשאר הזכירות, כי הלא שני כתובים] אין מלמדין, מ'זאָל אין ערגעץ נישט, און דער אמת ברענגט מען אין די הלכה אַז ס'איז נישט אַזוי, [נאָר] אַז מען "זאָגט" איבעראָל, אַז איבעראָל מוז זיין "בפה", ממילא איז דאָך עס אַ סתירה **כיצד יתקיימו שניהם**, איז דאָך עס אַ קשיא.

נג

**ישוב קושיא ב**

ועל זה מתרץ כי "אינו דומה" זה לזה, ועל כן יש "צריכותא" לכתוב הלימוד בכל אחד מהם בפני עצמו,
ולכן שפיר מלמדין דין זה גם על שאר זכירות כיציאת מצרים

ענטפערט ער אים, ס'איז נישט קיין קשיא, [שהרי] ס'שטעלט זיך נישט צוזאַם [ללמוד זה מזה, שהרי] **אינו דומה זה לזה**, דעס איז **לְקַדְּשׁוֹ וּלְעַנְּגוֹ** און דעס איז **לְהוֹמְמוֹ וּלְאַבְּדוֹ**, ממילא קען איך נישט אַראָפּלערנען איינס פון דאָס אַנדערע, מוז איך טאַקע האָבןביידע פסוקים, איבערדעם מוז דאָך שוין **יתקיימו שניהם**, איז עס ביידע אַ הכרח, ביידע פסוקים זענען אַ הכרח, מ'קען נישט אַראָפּלערנען איינס פון דעם אַנדערע [ולכן שפיר מלמדין לכל מקום].

נד

# עוד חקירות ועיונים בקיום מצות זכור

## החילוקים לדינא שבין חיוב זכירת עמלק לשאר הזכירות

לפירוש הראב"ד, זכור בפה היינו לימוד הֲלָכוֹת השייכים להשש זכירות

**א פלא, אין ראב"ד** (השלישי, בפירושו על התורת כהנים)[כז] [בדברי הספרא דלעיל שמסיים **כשהוא אומר זָכוֹר אינו אלא "בפה"**, זאָגט ער בפה [מיינט] **מ'זאָל לערנען די הלכה, מען זאָל לערנען הלכות מגילה.**

[כז] **בפירוש הראב"ד** וז"ל: שתהא 'שונה' בפיך, פירוש הלכות שבת. זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ [לְמִרְיָם], שתהא שונה בפיך הלכות נגעים. זכרון עמלק, שתהא שונה בפיך הלכות מגילה.

KolSatmar.com

**אונ ביי** [זכירת] **שבת זאָגט ער אַז מען זאָל לערנען הלכות שבת.**

**אונ ביי זכור פון מרים זאָגט ער מען זאָל לערנען הלכות נגעים.**

[און ביי זְכֹר אַל תִּשְׁכַּח אֵת] **אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ** [אֶת ה׳ אֱלֹקֶיךָ בַּמִּדְבָּר, שקאי על מעשה העגל], **מען זאָל לערנען הלכות עבודה זרה.**

[לפי זה] **איז עס גאָרנישט ׳דעס׳, דעס וואָס ס׳איז אַ מצוה צו ״זאָגן״** [הפרשה שבתורה].

**נה**

ובפירוש הר״ש מוסיף דהכוונה לקרות הפרשה ההוא שבתורה

**נאָר דער ר״ש אין פירוש הר״ש**[כח] (שעל התורת כהנים שם) **זאָגט ער שוין אַרויס טאַקעביידע** [פשטים].

**איין פשט זאָגט ער ׳דעס׳, מען זאָל לערנען די ׳הלכות׳, אַזוי ווי דער ראב״ד.**

**אונ נאָך אַ פשט, אי נמי, אַז מ׳זאָל לערנען די ׳פרשה׳, מ׳זאָל ליינען די פרשה אין די תורה.**

**נו**

**קושיא ט**

לכאורה לפי פירוש הר״ש אמאי לא מצינו שיהא חיוב לקרות בתורה כל הזכירות

**קומט דאָך אויס** [לפירוש השני שבר״ש] **אַז די ״אַלע פרשיות״ איז מען מחוייב צו ליינען אין די תורה,** [ולא מצינו שקבעו זמן חיוב קריאה בספר תורה רק לזכירת מחיית עמלק] **?.**

**נז**

**ישוב קושיא ט**

גם לפירוש הר״ש יש חילוק בין זכירת עמלק לשאר זכירות,

דבזכירת עמלק למדו מהכתובים דצריך לקרות בספר תורה דייקא, ובציבור דייקא

**נאָר וואָס׳זשע דען, זעט אויס אָבער ביי פורים** [בקריאת המגילה, און] **ביי זָכוֹר** [בקריאת פרשת זכור], **דאָס איז אַן עקסטערע זאַך** [שיש בו חיוב לקרותו מתוך ״הספר״ דוקא, משא״כ בשאר זכירות סגי להזכיר הפרשה אפילו בעל פה].

**נח**

וכמו שלמדו גזירה שוה דזכירה זכירה, כתיב הכא ״זִכָּרוֹן״ בַּסֵּפֶר, וכתיב במגילה וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה ״נִזְכָּרִים״ וְנַעֲשִׂים

[דהנה] **אין די גמרא**[כט]**, ׳דאָ׳** [בקריאת זכור והמגילה] **זעט מען מ׳דאַרף עס ליינען אין אַ ״ספר״** [תורה, או מגילת אסתר], **דאָרט** [בשאר הזכירות] **איז גענוג אַז מ׳לערנט די תורה, אַז מ׳לערנט די פרשה אין ״חומש״ יעדער איינער פאַר זיך** [אף ביחידות בלא מנין], **נאָר ׳דאָ׳ אַליין** [בזכור ופורים] **איז אַן אויסנאַם,** [שיש על זה לימוד מיוחד] **אַזוי ווי די גמרא זאָגט** [דאתיא בגזירה שוה] **זִכָּרוֹן זִכָּרוֹן** [אַז] **מ׳מוז ״בַּסֵּפֶר״, אַז מ׳דאַרף צו לערנען** [הקריאה מתוך הספר, ולכן אם] **קראה על פה לא יצא, דאָס איז געדרינגען ווייל ס׳שטייט**

---

[כח] **בפירוש הר״ש וז״ל:** הא מה אני מקיים זָכוֹר שתהא שונה בפיך, תהא שונה הלכות שבת. זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר הִקְצַפְתָּ, במעשה עגל. שתהא שונה בפיך, **הלכות עבודה זרה.** זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְמִרְיָם, שתהא שונה בפיך הלכות נגעים. זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק, שתהא שונה בפיך הלכות מגילה. - **אי נמי, כגון ׳וְשִׁנַּנְתָּם׳ לְבָנֶיךָ, שתקבע זמנים להיות קורא בתורה בכל אלו הענינים.** - ומאלו נלמוד לאחרים, בין לפירוש ראשון בין לפירוש אחרון.

[כט] **בגמרא מגילה** (יח.)**:** קראה על פה לא יצא וכו׳. מנלן, אמר רבא אתיא זכירה זכירה, כתיב הכא וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים, וכתיב התם כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר, מה להלן בַּסֵּפֶר אף כאן בַּסֵּפֶר. וממאי דהאי זכירה קריאה היא, דלמא עיון בעלמא, לא סלקא דעתך [דתניא] זָכוֹר יכול בלב כשהוא אומר לֹא תִּשְׁכָּח הרי שכחת הלב אמור, הא מה אני מקיים זָכוֹר, בפה.

KolSatmar.com

[אצל מלחמת עמלק] (בשלח יז, יד) **כְּתֹב זֹאת "זִכָּרוֹן" בַּסֵּפֶר,** [ואצל המגילה כתיב] (אסתר ט, כח) **וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה "נִזְכָּרִים" וְנַעֲשִׂים, דרש'נט מען אַ גזירה שוה זכירה זכירה.**

**נט**

ומהתם למדו דגם "בזמן" הקריאה יש חילוק בין זכירה זו לשאר זכירות, דבזכירת עמלק יש זמן "חיובו" בשבת שקודם פורים

**פון דאָרט** [מהפסוק נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים] **איז געדרינגען נאָך אַ זאַך**[ל] [והוא "זמן" הקריאה]**, אַז זכירה קודם לעשיה** [דכתיב "נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים"]**, אַז "פאַר פורים" מוז דאָס זיין** [הקריאה דפרשת "זכור"][לא]**.**

**ס**

**דאָס אַלעס איז געדרינגען** [נאָר] **פון 'דאַנעט'** [מהפסוקים שאצל מלחמת עמלק ומגילת אסתר]**.**

[אמנם בשאר הזכירות] **זעט אויס 'דאָרט' איז שוין גענוג געווען** [לקיים זכור בפה אפילו] **אַז ס'איז קראה על פה, און פאַר זיך אַליין** [ביחידות]**, אפילו נישט בציבור, אַזוי די אַלע** [שש] **זכירות זענען גענוג אַזוי, נאָר דאָ** [בזכירת מעשה עמלק] **זעט דאָך אויס ס'איז דאָ אַ חיוב** [לקרות בספר תורה דייקא, ובציבור דייקא, ובשבת שקודם פורים דייקא, ווייל] **ס'איז דאָ אַ גזירה שוה** [זכירה זכירה, ויש קרא דכְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן "בַּסֵּפֶר"]**.**

**סא**

כל הנזכר הוא רק לענין "חיוב" המצוה, אבל "קיום מצוה" יש גם בשאר זמנים שקורין פרשה זכור או פרשת ויבא עמלק.
וכמו שמצינו בכמה מצות, דאף כשאין "חיוב" המצוה יותר, מכל מקום אם עושין כן יש בזה "קיום" המצוה

**נאָר וואָס דען** [כל זהו הוא רק לענין "חיוב" המצוה, אבל לענין קיום המצוה יכולין לקיימו בכל אופן]**, איך מיין אָבער, פונקט אַזוי ווי ביי תפילין, אַז מ'לייגט איין מאָל אין טאָג האָט מען יוצא געווען** [ידי 'חיוב' הנחת תפילין]**, און וויפיל מאָל מ'טוט עס אָן** [אף באותו יום] **איז מען מקיים אַ מצוה דאורייתא, מ'מאַכט** [בכל פעם] **אַ ברכה** (שו"ע או"ח כה, יב)**.**

[וכן] **אַסאַך מצות איז דאָ אַזעלכע**[לב]**, מ'איז נישט "מחויב", און וויפיל מאָל מ'טוט עס** [מקיימין בזה המצוה]**.**

---

[ל] כמבואר **בגמרא** (שם ל.) עיי"ש.

[לא] וכמו שהאריך רבינו בכמה דרושים לפרשת זכור (ובדברי יואל לשבת זכור, בדרוש הראשון)**, לבאר** דגם זמן הקריאה בשבת שקודם פורים, הוא מן התורה, כמו שנלמד כאן מהגזירה שוה דזכירה זכירה, דזכירה קודם לעשיה כדכתיב נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים. ואף שהפסוק נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים הוא רק בדברי קבלה בהמגילה, ואינו מבואר בפסוקי התורה, אבל זה מְגַלֶּה שכך הוא מצות התורה המקובלת ממשה רבינו, ועל דרך שאמרו בגמרא (סנהדרין כב: ועוד [לענין שאר דברים] עד דאתא יחזקאל מאן אמרה, אלא הלכה למשה מסיני הוא ואתא יחזקאל ואסמכינהו אקרא.

[לב] עיין בזה באורך בס"ג **זכור תשי"ז**, וזל"ק: לעולם זאָגן זיי דאָך ווי דער תניא איז מאריך (בשו"ע הל' ת"ת)**, אין מצות תלמוד תורה איז דאָ צוויי מִצְוֹת, ס'איז דאָ אַ מצוה וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה (יהושע א, ח), דאַרף מען עפּעס לערנען, אַ פרשה, מ'איז יוצא מיט אַ פרשה פון קריאת שמע (נדרים ח.), אָבער עקסטער איז אַ מצוה מן התורה ידיעת התורה, וּלְמַדְתֶּם אֹתָם וּשְׁמַרְתֶּם לַעֲשֹׂתָם (ואתחנן ה, א), אַז מ'וועט נישט וויסן די תורה הקדושה וועט מען דאָך קיינמאָל נישט קענען מקיים זיין מצוותיו יתברך שמו.

ממילא די מצוה פון זָכוֹר [מעשה עמלק] איז דאָך אַ חלק תורה, איז מען פשוט מחויב, נאָר וואָס דען, ס'איז פאַרהאַנדן אַמאָל אַז עקסטער וואָס ס'איז אַ חלק תורה וכו', האָט די תורה הקדושה געגעבן אַ מצוה נוספת.

אַזוי ווי ס'איז דאָ אַסאַך זאַכן מ'האָט צוגעגעבן דערצו ס'זאָל זיין אַ מצוה נוספת, אַזוי ווי דער ספר יראים זאָגט די שיטת הר"א ממיץ, כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה וְנִשְׁמַרְתָּ מִכֹּל דָּבָר רָע (תצא כג, י), דאָס מיינט מען זאָגט ער מיינט מען אַלע עבירות, איי זאָגט ער מ'איז דאָך סיי ווי סיי מחויב, זאָגט ער ניין, מ'האָט עס געטון כדי מ'זאָל עובר זיין נאָך אַ לאו, אַז מ'טוט אַן עבירה "במלחמה" שאָדט דאָך דאָס, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ, שאָדט דאָך דאָס צו שפיכת דמים, איבערדעם ווען מ'גייט אין מלחמה איז מען אַן עקסטערן לאו עובר, ווייל מ'האָט עס געטון במלחמה.

אַזוי איז **ישיבת סוכה**, 'מחויב' איז מען נאָר אַריינקומען דאָרטן די ערשטע נאַכט, נאָר אַז מ'גייט אַריין אין די סוכה [בשאר הימים] איז מען מקיים אַ מצוה דאורייתא, מאַכט מען אַ ברכה, אָבער אַז מ'איז ערגעץ אַנדערש

KolSatmar.com

דאָס איז אויך אַזוי, מיט די קריאה, ׳ווען׳ מ׳ליינט [בפרשת בשלח או פורים] ״וַיָּבֹא עֲמָלֵק״, [או שקורין ״זכור״ בשבת] פרשת כי תצא, איז מען אַלץ מקיים אַ מצוה **דאורייתא.**

נאָר ׳דעס׳ [לקרות ״זכור״ בשבת שקודם פורים] איז אַ **חיוב**, דעמאָלטס איין מאָל פאַר פורים איז עס אַ ״חיוב״, דאס איבריגע איז נישט קיין ״חיוב״ אָבער אַז מ׳טוט עס איז מען מקיים [המצוה].

אויף די זכירה [בפה] שטייט דאָך נישט קיין זמן, אין פסוק שטייט נישט קיין זמן נאָר זכור בפה, נאָר אָבער חכמינו ז״ל האָבן דאָס געשטעלט אויף דעמאָלטס, אַז ״פאַר פורים״ איז עס אַ **חיוב**, אַזוי ווי תפילין דאַרף מען איין מאָל אין טאָג אָנטון.

---

בתפילה, צי אויף אַנדערע צרכים, האָט מען נישט מבטל געווען די מצות עשה, אָבער אַז מ׳טוט עס איז מען מקיים אַ דאורייתא.

אפילו ביי צדקה איז פאַרהאַנדן וויפיל דער שיעור איז מן התורה, פונדעסטוועגן אַז מ׳גיט מער [הוא נכנס בכלל המצוה].

אַזוי קאָן זיין דאָס איז דעס ענין, דער עיקר איז, אַזוי ווי מ׳דאַרף האָבן ידיעת התורה איז מען מחויב צו זאָגן דעם **זכור**, קאָן זיין דאָס איז די ״קריאה בתורה״, איבערדעם זאָגט דער חינוך ס׳איז נישט קיין חילוק, אפילו אַז מ׳ליינט ׳איין מאָל אין דריי יאָר׳ איז מען אַזוי יוצא, עכ״פ אָבער אַז מ׳זאָגט עס ׳יעדעס יאָר׳ איז מען יעדעס יאָר מקיים אַ מצוה דאורייתא ׳ווען׳ מ׳טוט עס.

נאָר לעולם איז דאָך כל התורה כולה ליגט דאָך אַ חיוב מ׳זאָל האָבן ידיעת התורה מ׳זאָל נישט פאַרגעסן, [שנאמר הִשָּׁמֶר לְךָ וגו׳] פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ (דברים ד, ט), מ׳איז דאָך מחויב אויף כל התורה כולה ווי ווייט מעגליך זיך מִתְאַמֵּץ צו זיין מ׳זאָל נישט קומען צו קיין שכחת התורה, און דאָ איז דאָ עקסטער אַ חיוב נוסף מ׳זאָל נישט פאַרגעסן, דער זכירה פון עמלק׳ן, וויפיל ס׳איז ברויך מען מתאמץ זיין און ווען מ׳זאָגט עס בדיבור איז מען מקיים די מצוה דאורייתא, ווייל דאָס איז מסייע אַז מ׳זאָל נישט פאַרגעסן, ממילא איז דאָס נישט קיין חילוק ווען וכו׳, נאָר וועגן נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים איז מען מחויב ׳פאַר פורים דוקא׳ יעדעס יאָר. דאָס איז דער חיוב מדברי קבלה וכו׳ דברי קבלה איז דאָך אויך כדברי תורה (ר״ה יט.) אָבער די מצוה דאורייתא פון זכור קען זיין איז טאַקע אַזוי ווי דער בחינה די מצות עשה אַזוי ווי כ׳האָב פריער געזאָגט.

איז עס גאָרנישט קיין פלוגתא צווישן די ראשונים דער רמב״ן מיטן רא״ה, מיט דעם וואָס ער [החינוך] זאָגט צי דאָס איז איין מאָל אין ׳דריי יאָר׳ צי איין מאָל אין ׳אַ יאָר׳, צי אַזוי ווי דער רמב״ן זאָגט, ס׳איז הכל הולך אל מקום אחד, די נקודה איז מ׳זאָל נישט פאַרגעסן און מ׳זאָל אַזוי זאָגן יעדער לפי ערכו, אַזוי ווי ביי די תורה הקדושה יעדער איז מחויב ידיעת התורה יעדער לפי ערכו, ס׳איז פאַרהאַנדן איינער האָט ידיעת התורה מיט ווייניגער, און ווער ס׳ברויך זיך מער מתאמץ זיין איז מחויב מער, און ווער ס׳קען נישט זאָל מחזיק זיין [לומדי תורה] (טור יו״ד סימן רמו), יעדער איז נאָר מחויב לפי ערכו.

יעדער איז מחויב דאָס אַריינצונעמען אין זינען, אין געדאַנק, ס׳זאָל נישט קומען לידי שכחה, ס׳זאָל נישט אַרויסגיין לא מָשׁ מזכרונו, מ׳זאָל כסדר האָבן פאַר די אויגן ווען אימער, שאם ישאלך אדם אל תגמגם בו, מ׳זאָל וויסן בפה וואָס עמלק האָט געטוהן, און אַז מ׳וואַרט **אויף דעם ס׳זאָל זיין שמו שלם וכסאו שלם, מ׳וואַרט אויף מחיית עמלק**, אין דעם איז תלוי די גאולה.

ועיין ס״ג **פרה תשי״ח** שאמר כן רבינו גם לענין קריאה דפרה, ליישב דעת הסוברים דהיא גם כן דאורייתא, וזל״ק: זיי זאָגן דאָך אַזוי די פוסקים, ס׳איז פאַרהאַנען אַסאַך מצות אַזאָלעכע, ס׳איז נישטאָ קיין ״חיוב״ און אַז מ׳טוט עס איז מען מקיים אַ ״מצוה״.

[וכגון] ביי **תפילין**, אַז מ׳טוט איין מאָל [ביום] אָן די תפילין האָט מען מקיים געווען, איז מען שוין נישט אַ קַרְקַפְתָּא דְּלָא מַנַּח תְּפִלִּין, האָט מען מקיים געווען די מצוה וְהָיָה לְאוֹת עַל יָדְכָה וּלְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ, פונדעסטוועגן אַז מ׳טוט נאָכאַמאָל אָן די תפילין איז מען מקיים אַ מצוה דאורייתא, מ׳מאַכט דאָך אַ ברכה. איך קען נישט זאָגן אַז ס׳איז נאָר אַ מצוה דרבנן, וואָרן וואו האָבן עס די חכמים געהייסן, נאָר וואָס׳זשע דען, אַז די תורה הקדושה האָט געזאָגט סתם מ׳זאָל דאָס טון, איז ׳ווען׳ מ׳טוט עס איז מען מקיים די מצוה.

אַזוי איז ביי **תפילה** אויכעט, דאָס גאַנצע איז נאָר וואָס תפילה איז דרבנן, [איז נאָר] אַז ס׳איז נישטאָ קיין ״חיוב״ נאָר מדרבנן, אָבער אַז מ׳דאַווענט די תפילה איז מען מקיים אַ מצוה דאורייתא, ווייל בעצם איז תפילה דאורייתא, נאָר מ׳איז נישט מחויב מער, נאָר איין תפילה [ביום באיזה נוסח שיהיה], אָבער מ׳איז מקיים אַ מצוה דאורייתא [בכל תפילה].

און דער בחינה קען זיין אפשר מיט **פרה אדומה** אויכעט, וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ קען זיין אפילו כ׳וועל זאָגן אַז ס׳איז נישטאָ קיין ״חיוב״ דאורייתא, אָבער אַז מ׳טוט עס איז מען מקיים אַ ״מצוה״ דאורייתא.

KolSatmar.com

און אַזוי ווי **תרומה**, מ'האָט געמאַכט אַ שיעור [אחד מארבעים] (תרומות פ״ד מ״ג), אָבער מן התורה איז חטה אחת פוטרת את הכרי (חולין קלז:), אָבער וויפיל מ'גיט, אַז מ'גיט 'מער' איז עס אויך אין דער מצוה.

סב

## עיקר הכוונה במחיית עמלק, הוא על השפלת כוחות הרע והטומאה

**היוצא לנו מזה, על כל פנים איז געדרינגען** [אַז] **מיט די זכירה בפה איז מעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו** (וכמבואר לעיל אות טז-כז), **דאָס איז דער עיקר** [כוונה במצוה זו, דהרי בחינת עמלק] **דאָס זענען די אַלע כוחות הטומאה.** (כדלהלן בסמוך. וראה עוד להלן אות סט)

סג

קושיא י

במפרשים הקשו למה יש חיוב על מחיית עמלק יותר מעל שאר אומות רעות שהרעו לישראל

זיי פרעגן דאָך די קשיא פאַרוואָס עפּעס גראָד עמלק'ן [יש חיוב למחות שמו], ס'איז דאָ אַסאַך רשעים [שהרעו לישראל].

סד

**ישוב קושיא י**

אמנם קמי שמיא גליא הטעם שהוא גרוע ורע יותר מכולם, כי הרע והטומאה של עמלק הוא שורש כל הרעות, והוא דבר התלוי במשקל קֵל דֵעוֹת ה', מי הוא רשע יותר ומי הוא צדיק יותר, ואנחנו לא נדע ונבין זה

נאָר דער אמת קמי שמיא גליא [הטעם], דאָס ווייס מיר אונז אויך נישט קיין טעם.

סה

פונקט אַזוי ווי אונז ווייס מיר נישט - ווי דער **רמב״ם** זאָגט[לג] - אַקעגן צי ס'איז רוב עונות און רוב זכיות, וואָס דאָס קען קיינער נישט 'וועגן' [=שוקל זיין, רק השי״ת, ווייל] ס'איז פאַרהאַן איין מצוה וואָס ס'שטייט אַקעגן אַסאַך [עבירות] און ס'איז פאַרהאַן אַן עבירה וואָס ס'שטייט קעגן אַסאַך מצות, דאָס קען נאָר [וויסן] קֵל דֵעוֹת ה' (שמואל א' ב, ג), **דאָס קאָן נאָר דער בורא כל עולמים אַליין אָפּוועגן.**

סו

**און אַזוי ווידעראום, אַזוי איז ביי "צדיקים" קאָן מען נישט וויסן וועמען דער בורא כל עולמים האָט געגעבן דאס גרעסטע, וועלכער ס'איז זוכה, וועלעכעס איז דעס חשוב'סטע פאַר'ן באַשעפער. - און ווידעראום פאַרקערט צווישן די "רשעים"** [קען מען נישט וויסן] **וועלעכעס איז דאס אַרגסטע. - דאָס ווייסט קיינער נישט נאָר דער בורא עולם.**

סז

**וזהו עיקר הכוונה במצות מחיית "עמלק", להשפיל כחות הרע ולהחזיק כחות הקדושה, כי כל כח הָרֶשַׁע הן בגשמיות והן ברוחניות שורשם מבחינת עמלק**

**איבערדעם** [הוא גודל החיוב של מחיית "עמלק" (כהמשך דלהלן אות סח), כי בקליפת עמלק נכלל שורש הרע] **אַזוי ווי ס'שטייט טאַקע** [בזוהר הקדוש ובבני יששכר (דלעיל אות יד)] **אַז די אַלע,**

---

[לג] **ברמב״ם** (תשובה ג, א-ב): כל אחד ואחד מבני האדם יש לו זכיות ועונות, מי שזכיותיו יתירות על עונותיו צדיק, ומי שעונותיו יתירות על זכיותיו, רשע מחצה למחצה בינוני. וכן המדינה, אם היו זכיות כל יושביה מרובות על עונותיהן, הרי זו צדקת, ואם היו עונותיהם מרובין הרי זו רשעה. וכן כל העולם כולו וכו'. - ושיקול זה אינו לפי 'מנין' הזכיות והעונות אלא לפי 'גודלם', יש זכות שהיא כנגד כמה עונות, שנאמר יען נמצא בו דבר טוב, ויש עון שהוא כנגד כמה זכיות, שנאמר וחוטא אחד יאבד טובה הרבה. ואין שוקלין אלא בדעתו של קֵל דֵעוֹת, והוא היודע היאך עורכין הזכיות כנגד הָעֲוֹנוֹת.

**יעדעס רשעות׳ וואָס מ׳זעט איביג** [בכל הדורות]**, די זענען אַלע, זיי שטאַמען פון עמלק׳ן,** [דבשורש עמלק] **דאָרט איז דאָס גרעסטע רשעות, דער כֹּחַ הָרֶשַׁע, הן** [להרע לישראל] **אין ״גשמיות״, און** [הן] **״ברוחניות״, די אַלע וואָס זענען לוחם מיטן ״אידישקייט״.**

**און יעדער ׳ביי זיך׳, דער ״כֹּח הַלוֹחֵם״** [שבקרבו כנגד הקדושה ועבודת ה׳] **דאָס שטאַמט פון עמלק׳ן.**

סח

**איבערדעם איז דער גרויסער חיוב פון מחיית ״עמלק״,** [צו] **משפיל זיין דעם ״כח הרע״** [שבתוכו, ושבתוך כלליות העולם]**, ס׳זאָל בלייבן דער ״כח הטוב״ און דער ״כח הקדושה״ זאָל בלייבן אינגאַנצן.**

**דעס איז דאָך דער בחינה פון** [מצות] **״מחיית עמלק״.**

סט

ועלינו מוטל לקיים מצות ״זכור בפה״, ולסמוך על הקב״ה שיעלה עלינו כאילו מחינו אותו,
ועל ידי זה נזכה לבסוף אל מחיית עמלק בשלימות לימות המשיח

**אונז דאַרף מיר ״טון״** [כמצווה עלינו]**, צו זאָגן בפה.**

**און** [דאָס איבעריגע דאַרף מען] **זיך פאַרלאָזן אויפן באַשעפער.**

**הקדוש ברוך הוא זאָגט מעלה אני עליכם כאילו מחיתם אותו, וועט מען זוכה זיין צו מחיית עמלק בשלימות.**

ע

[ווי] **ס׳שטייט דאָך זכור אפילו לימות המשיח, ווי דער תרגום יונתן זאָגט** (כדלעיל אות ז ואות כב)**.**

**מ׳זאָל מיר זוכה זיין** [צו] **מחיית עמלק בשלימות דאָס וועט זיין לימות המשיח הערשט, דעמאָלטס וועט מען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה, ס׳איז הא בהא תליא,** [כמו שאמרו בפסוק] **מִלְחָמָה לַה׳ בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר** (בשלח יז, טז)**,** [מדורו של משה] **עד דורו של משיח, אַזוי זאָגט דאָך דער מדרש דאָרט** (במכילתא סוף פרשת בשלח)**.**

**דאָס אַליין** [מחיית עמלק בפועל] **איז תלוי אין ביאת המשיח.**

עא

## ברכת הקודש

**דער בורא כל עולמים זאָל העלפן במהרה:**

**מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו מחיית עמלק בשלימות.**

**מ׳זאָל מיר זוכה זיין לישועה שלימה.**

**און התגברות כח הקדושה.**

**מ׳זאָל במהרה זוכה זיין צו ביאת המשיח.**

**מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו זען די ישועה שלימה, בהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.**